**1) שוכח ויוצא — וואס טוט ער?** אויב ער האט דאך פארגעסן און ער איז ארויס שבת מיט תפילין — דארף ער מכסה זיין (צודעקן) ביז ער קומט אהיים, און דארט אויסטון.

**2) צוויי טעמים פאר'ן צודעקן:** (א) **זלזולא דשבתא** — מענטשן זאלן נישט זען אז איינער גייט שבת מיט תפילין, כאילו ער גלייבט נישט אז שבת אליין איז גענוג אן "אות." (ב) **ער זאל עס אויסטון אין דערהיים** — מ'גייט נישט מאכן ער זאל עס אויסטון אין גאס (ווייל דאס וואלט געווען א הוצאה פראבלעם), אבער אינדערהיים זאל ער עס זיכער אויסטון.

**3) "מכסה" לויט דער רשב"א:** "מכסה" מיינט ער זאל עס צודעקן מיט זיין האנט — פון ווען ער דערמאנט זיך, דארף ער באווייזן אז ער איז מודע דערצו.

**4) דער היתר פון מתעסק:** לויט תוספות, ווען איינער האט אינגאנצן פארגעסן אז דער חפץ איז דארט, איז דער היתר מתעסק — נישט דבר שאינו מתכוון, נאר מתעסק (ער האט בכלל נישט געוואוסט אז ער טוט א מעשה הוצאה).

**5) תפילין ביז דער זמן פון שבת:** מען זאל גיין מיט תפילין ביז דעם זמן (סמוך לשבת), ווייל דוקא דאן ווייזט מען אז שבת איז אן "אות" — ווען מען לייגט אוועק תפילין סמוך לשבת. אויב מען האט אויסגעטון תפילין פופצן מינוט נאך שחרית אינדערפרי, איז נישט "ניכר" אז שבת איז אן אות.

---

**סיום פרק י"ט**

פרק י"ט איז בעיקר דער סוף פון הלכות הוצאה (טראגן אין שבת). דער קומענדיגער פרק (כ') וועט זיין וועגן שבות — א קורצערער פרק.

## תמלול מלא

### הלכות שבת פרק י"ט — כלי מלחמה ותכשיטים

**הקדמה: סיום הלכות הוצאה**

א גוטן. אונז לערנען הלכות שבת אין רמב"ם, פרק י"ט, דער ניינצנטער פרק.

די לעצטע פאר פרקים זענען געווען א בארג הוצאה, און מ'האט שוין געשמועסט אז די מערסטע הלכות אין הלכות שבת, אויך אין מסכת שבת, ביי פאר, זענען הוצאה. איך מיין הוצאה האט מער פרקים ווי אלע אנדערע ל"ט מלאכות צוזאמען, אויך אין די גמרא איז אזוי, גאנץ א האלב פון שבת און א גרויסע פראצענט פון עירובין איז ענינים פון הוצאה.

רבי יצחק האט געזאגט ווייל הוצאה איז די מערסטע א רוחניות'דיגע מלאכה, מ'פילט נישט ווי מ'טוט עפעס, מ'האט בסך הכל נאר גערוקט עפעס, אבער מ'האט עפעס אויפגעטון.

און מ'האט שוין געקאווערט רוב הלכות הוצאה, דאס איז די לעצטע פרק פון הלכות הוצאה. די פרק גייט רעדן וועגן הוצאה וואס האט צו טון מיט וועש. אונז האבן נעכטן געלערנט א הלכה אז ווען איינער טראגט א לעבעדיגן מענטש אין א בעט, איז די בעט טפל צו אים, וועש איז זיכער טפל צו די מענטש, וועש איז הייסע הוצאה.

אבער ס'איז דא וועש וואס איז נישט אמת'דיגע וועש, ווי מ'גייט זען אינעווייניג. ס'האט א דין וועש, אפילו מ'גייט עס אייביג אנגעטון, אבער ס'איז מער אזויווי א פאקעטבוק, וואס לאמיר זאגן א פאקעטבוק, א פרוי קען עס אנקוקן ווי ס'איז א חלק פון איר וואס זי גייט אנגעטון, אבער ס'איז נישט, ווייל ס'איז נישט א וועש. און ס'איז דא זאכן וואס ס'איז יא א וועש, אבער ס'איז דא א חשש אז מ'גייט עס טראגן.

אבער פאר אונז גייען לערנען די פרק אינעווייניג, דארף מען זיך באדאנקען די ספאנסארס פון די שיעור, און די אידן וואס שטיצן אונזער שיעור, מיר זענען מפיץ די שיעור איבער ראש וראשון, די הויפט ספאנסאר אונזער ידיד ר' יואל אליעזר וועצבערגער.

זיי זענען די עכטע שיטים אז זיי שטעלן צו די ברילייאנטן פאר די שיעור, די געוויסע בחינות ברילייאנטן, די גשמיות'דיגע, און "זבח ששון שמחה ויעלזו יחדו", מ'דארף עס קענען ווייזן ווער, אונז ווייזן פאר יעדער ווער ס'ספאנסערט אונזער שיעור, און וועגן דעם מעג מען שבת, ווייל שבת טאר מען נישט רעקארדן און מ'קען נישט געבן געלט, סאו ס'איז א וואכעדיגע שיעור.

אקעי, ס'איז שוין א גאנצע שיין שטיקל תורה, ווי לאנג מ'ברענגט ארויס דערפון א שבח פאר די ספאנסארס איז גוט. אויב מ'וועט עס ערנסט צו נעמען, איך ווייס נישט ווי שטארק ס'שטימט פון אלע זייטן, אבער ס'איז גארנישט.

**הלכה א: כלי מלחמה בשבת**

דער רמב"ם הייבט אן די פרק מיט כלי מלחמה. סאו, מ'רעדט דא נישט בשעת מלחמה, ווייל דאס האבן מיר שוין געהאט אין די, איך מיין די דריטע פרק האבן מיר שוין געהאט הלכות פון מלחמה בשבת. מלחמה, יא, אין פרק ב' איז געווען סכנת נפשות. דארט ביים סוף איז געשטאנען ווען מ'מעג יא גיין אין מלחמה און ווען נישט, אויב גוים קומען פאר געלט, אדער ווען גוים קומען ביי די גרעניץ אריין אין ארץ ישראל, דארף מען ארויסגיין אין מלחמה. דעמאלטס אוודאי מעג מען זיך אנטון אלע כלי מלחמה.

מ'רעדט דא ווען מ'טוט עס נישט ווייל ס'איז מלחמה, נאר ווייל ס'איז דא אזא זאך, מ'קען אמאל זען א געוועזענע סאלדאט וואס איז זייער פראוד און ער טוט זיך אן זיינע מלבושים, זיינע מיליטערישע מלבושים. סאו, איז יעצט דא א הלכה.

**לשון הרמב"ם**

זאגט דער רמב"ם אזוי, **"כל כלי המלחמה אין יוצאין בהן בשבת"**. מ'טאר נישט ארויסגיין מיט כלי מלחמה בשבת.

**פירוש: "אין יוצאין" — פטור אבל אסור מדרבנן**

און ס'איז דא צוויי מינים כלי מלחמה. ס'איז דא כלי מלחמה וואס זענען דרך מלבוש. קודם כל טאר מען נישט גארנישט. "אין יוצאין" מיינט, מיר האבן עס געלערנט, "אין יוצאין" מיינט מ'גייט נישט ארויס מדרבנן. "אין", נישט חייב, נאר "אין", אזויווי פטור. די חילוק האבן מיר נישט... יא, און דאס איז מדרבנן.

מדרבנן, לכאורה ס'איז נישט קלאר פארוואס דער רמב"ם זאגט וועגן דעם, זאגט דאס. ס'קען זיין ווייל ס'איז אויך דא אן ענין פון שמא יוליך ויביאנו. א מלחמה זאך איז אויך נישט... לאמיר פארשטיין. א געהעריגע זאך וואס מ'טוט אן, א העמד... אה, א יוניפארם איז דאך זיכער. מ'רעדט כלי מלחמה, מ'זאגט נישט בגדי מלחמה. א העמד, עניטינג וואס איז א העמד וואס איז דרך מלבוש אין די גמרא, א העמד איז א נארמאלע העמד. לאמיר זאגן אזוי, א נארמאלע העמד וואס מ'גייט יעדן טאג איז זיכער נישט קיין שאלה. מ'מעג.

איך גלייב ס'איז יוניפארמס. דאס וואס ס'איז מיליטער גרין מאכט עס נישט אויס א העמד. בשבת, מ'דארף גיין וועגן די שבת, דאס איז אן אנדערע נושא.

א זאך וואס איז א תכשיט, דאס הייסט ס'איז דא א מדרגה וואס הייסט תכשיט, א דזשולערי. קענסט זאגן דיין פאקעטבוק, ביי די וועי, איך ווייס נישט, קען זיך הייסן א תכשיט, דו קענסט עס נאר ארויסנעמען מדרבנן, דו קענסט גיין מיט א פאקעטבוק. איז דא א איסור דרבנן, ווייל אזוי שטייט אז מען ווייזט עס פאר א צווייטן, עס איז א שמא. שמא גייט ער עס אויסטאן און טראגן געהעריג אין רשות הרבים וכדומה.

**החילוק בין כלים שהן דרך מלבוש לכלים שאינן דרך מלבוש**

ס'איז דא עפעס מיטלסטע זאכן. מיטלסטע זאכן זענען זאכן וואס זענען קודם כל, ס'דא מלבושים וואס זענען נישט ממש מלבושים, למשל א פאנצער פון מלחמה וואס מען גייט זען, אויף דעם זאגט דער רמב"ם פטור. נאכדעם איז דא זאכן וואס זענען גאר נישט קיין מלבוש, אבער עס קען נאך אלץ זיין א תכשיט.

אויב, מ'דארף זאגן פארדעם איז געווען א מחלוקת אין דער משנה, אויב איינער טראכט אז, אזוי ווי זאגט א פרוי מיט א פאקעטבוק, א מאן גייט מיט א שווערד, אפילו ער האלט די שווערד אין זיין האנט, אדער ער לייגט עס אויף זיין גארטל, עס איז נישט קיין לבוש, ס'איז א תכשיט, אדעמאלטס איז דא א איסור דרבנן צו גיין דערמיט, אדער א איסור דאורייתא, לויט ווי דער רמב"ם פסק'נט.

**דוגמא: די סיקס און זייער שווערד**

ס'איז געווען א גרויסע סקאנדאל וועגן סיקס (Sikhs), יא, סיק איז א סארט רעליגיע, אראבישע רעליגיע, זיי דרייען זיך אייביג מיט א שווערד, און זיי קוקן עס אן ווי דאס איז זייער מלבוש, מען מוז גיין אזוי, ס'איז א שאלה... דאס איז זייער א טייערס, א גרויסע רעליגיעזע זאך. ס'איז א חלק פון די מלבוש. אקעי, ס'קומט נישט אריין, נישט קיין חילוק, אבער מען זעט אזא זאך אז א שווערד איז א חלק פון די מלבוש, דער מענטש גייט מיט א שווערד ווייל אזוי זעט ער אייביג אויס, נישט ווייל ער דארף נוצן די שווערד.

**מחלוקת רבי אליעזר וחכמים: האם שווערד איז א תכשיט?**

דאס איז די מחלוקת די משנה. לויט ס'דא וואס זאגן, אבער דא א ביי א שווערד, וואס דא איז יענע תנא אין די משנה וואס האט געזאגט... אז א שווערד איז א תכשיט? אזוי זאגט דער וואס ברענגט... רבי אליעזר האט געזאגט אז עס איז א תכשיט, אבער די חכמים האבן געזאגט ניין, לימות המשיח גייט מען נישט דארפן דאס, דאס איז נישט קיין תכשיט, סתם א בדיעבד גאר אז מ'דארף גיין מיט א שווערד. א מענטש גייט נישט מיט קיין שווערד בתורת תכשיט, און אזוי האבן די חכמים געזאגט. ס'איז אבער בדיעבד, דאס איז... עס איז א הוכחה אז לימות המשיח דארף מען נישט, ווייסט מען אז ס'איז א בדיעבד.

**המשך לשון הרמב"ם: החילוק בין שריון לרומח וסייף**

אקעי. איך האב נאר... איך האב יעצט געוואלט זאגן, כדי ס'זאל זיין קלאר, דער רמב"ם זאגט, די חילוק איז אז עני כלי מלחמה, נישט קיין חילוק ס'איז א תכשיט, ס'איז א שטיקל מלבוש, ס'איז א... אבער אויב ס'איז א יוניפארם וואס איז אינגאנצן א מלבוש רעדט מען נישט, כלי מלחמה מיינט שוין זאכן... זאכן פון מלחמה. אבער לכתחילה טאר מען נישט קיין איינס פון זיי.

זאגט דער רמב"ם אויך: **"כל כלי המלחמה"**, די מלחמה געצייג, **"אין יוצאין בהם בשבת"**, ווי איינער... אויב איז עס יא ארויסגעגאנגען, איז שוין דא א חילוק אזוי: **"אם היו כלים שאינן דרך מלבוש"**, אויב זענען זיי סארט כלים וואס מען טוט אן, ס'האט שוין נישט רעגולערע וועש, **"כגון שריון"**, א פאנצער. א פאנצער איז אזא וועש וואס מען מאכט פון מעטאל, פון שטיקלעך מעטאל, אז א שווערד זאל נישט אזוי גרינג אריינגיין. **"וכובע"**, א היטל. מיט צייטן האבן זיי געשפעלט כובע מיט א קו"ף. **"ומגיפיים"** איז א בוטס, שטיוול, באט אויך געמאכט פון אייזן, וואס זענען זאכן וואס מען גייט נישט געווענליך אנגעטון.

שאר הרגליים וואס איז אויף די וועש, איז דא רייזע פטור. לכתחילה... רגליים וואס איז אויף די פיס. יא. יא, יא. מיר האבן געמיינט אז דו ווייסט נישט די טייטש פון מגיפיים. אויף עברית איז די טייטש בוטס. איך ווייס נישט צו מגיפיים איז טייטש בוטס. ס'קען זיין מגיפיים איז טייטש עפעס א סארט פאנצער וואס מען בינדט צו צו די פיס. יא, מ'רעדט אז אלע דריי זאכן זענען סארט פאנצערס. יא, יא, ס'איז נישט קיין וועש, די ריכטיגע וועש. ס'איז א פאנצער וואס מ'לייגט ארויף, מ'טוט עס אן.

אבער ס'איז נישט דרך מלבוש, ס'איז נישט קיין מלבוש. ס'איז נישט קיין מלבוש. מ'וועט דאך גיין מיט אן אייזערנע העמד? איינער וואס האט אמאל געזען גייט אן אייזערנע העמד? דאס איז נישט קיין העמד. דאס איז א פאנצער. מ'טוט עס אן אויפ'ן גוף כעין אזוי ווי א העמד, אבער ס'האט נישט קיין שייכות מיט א העמד. ס'איז עפעס א...

**טעם הדין: פטור אבל אסור**

די מפרשים זאגן פארוואס איז פטור אבל אסור? אדער ווייל ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'גייט געווענליך ווי א מלבוש, אדער ווייל ס'איז א מראית עין, ס'זעט אויס ווי ער איז וואכעדיג, ווי ער גייט אין מלחמה. שבת גייט מען נאר אין מלחמה ווען ס'איז אן עמערדזשענסי. סאו, שוין. אבער ס'איז נישט אזוי ווי סתם ווי מ'גייט, ווי א יוניפארם. ס'איז א זאך וואס הייסט נישט א נארמאלע מלבוש. נארמאל גייט נישט א מענטש אנגעטון מיט אן אייזערנע וועש. ס'איז זייער שווער, ס'איז זייער העווי. ס'איז נישט קיין מלבוש.

מ'גייט עס נאר פאר די... פאר די... וואס ס'ברענגט, די בענעפיט וואס ס'ברענגט אז ס'איז א שטיקל פאנצער. פטור, אבער לכתחילה איז עס נישט חייב, ווייל עס איז בגדר מלבוש, מען טוט עס אן אויף זיך, איז עס נישט בדרך הוצאה, אבער לכתחילה גייט מען נישט.

**כלי זיין שאינו דרך מלבוש — חייב**

אבער **"יוצא בכלי זיין שאינו דרך מלבוש"**, אנדערע מלחמה געצייג וואס מען טוט נישט אן אויף זיך, נאר מען האלט, אפילו לאמיר זאגן מען בינדט עס ארויף אויף זיך, אבער עס איז נישט אנגעטון, **"כגון רומח וסייף וקשת"**, סארטן שווערדן אדער פיילן-בויגנס, **"ואלה וטריס"**, אלה וטריס מיינט אז זיי זענען פאנצערס וואס מען האלט אין די הענט, אדער וקשת ואלה וטריס זענען דריי סארטן פאנצערס, די פריערדיגע באנדן זענען וואס מען טוט אן, נאר דא איז א פאנצער וואס מען האלט אין די הענט, **"הרי זה חייב"**, איז ער חייב, ווייל דאס הייסט געהעריג געטראגן, ווייל עס איז נישט קיין לבוש, איז עס א געהעריגע געטראגענע משא, איז ער חייב אויף דעם.

**קושיית הלחם משנה: דער רמב"ם האלט ווי שמואל, וויאזוי פסק'נט ער ווי חכמים?**

פרעגט די לחם משנה א שיינע קשיא אונטן פון די לעכער משנה, אז אין די גמרא קומט אויס אז דאס איז א מחלוקת רבי אליעזר און די חכמים, יא, רבי אליעזר האט געזאגט אז עס איז א מלבוש, ער האט אפילו א פסוק "הודך והדרך", יא, די גמרא זאגט אז דאס האט צו טון צו מען לערנט פשוטו של מקרא, ווער עס לערנט פשוטו של מקרא מיינט אז עס שטייט אין פסוק "חגור חרבך על ירך גבור הודך והדרך", זעט מען אז א חרב איז א שיינקייט פאר א גיבור.

אבער די גמרא זאגט אז דארט איז דא רב ספרא אדער רב כהנא, איינער פון זיי האט געזאגט אז ער האט נישט געוואוסט אז דאס איז די פשוטו של מקרא, וואס מיינט נישט דאס, עס מיינט דברי תורה, בכלל נישט שיין צו גיין מיט א שווערד, בכלל שיינט עס פאר די וואס קענען תורה, דאס איז בדרך משל, אז פונקט ווי א גוי ווערט געטראכט אז א חרב איז שיין, אונז ווייסן אז די תורה איז שיין, נישט א חרב, אזוי זאגט די גמרא.

אבער עניוועס, די גמרא זאגט אויך אז דאס איז די חכמים זאגן "הרי אומר וכתתו חרבותם לאתים", און וואס ענטפערט רבי אליעזר אויף דעם? זאגט די גמרא אז רבי אליעזר האלט אזוי ווי שמואל, וואס שמואל האלט אז "אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד", קומט אויס אז משיח'ס צייטן וועט מען אויך דארפן א שווערד, ווייל מען וועט נאך געווינען די מלחמות, ס'מיינט נישט אז ס'וועט נישט זיין קיין מלחמות.

אזוי פרעגט די לחם משנה א קשיא, אז דער רמב"ם האלט דאך ווי יעדער איינער ווייסט אז דער רמב"ם האלט אזוי ווי שמואל, אז ימות המשיח וועט זיין עולם כמנהגו נוהג, נאר די אידן וועלן געווינען די מלחמות, נישט די גוים, איז וויאזוי קען ער פסק'ענען דא אזוי ווי די חכמים אז מען טאר נישט גיין מיט א שווערד שבת? לכאורה דארף מען יא גיין מיט א שווערד שבת.

אבער דער רבי האט נאך יא געזאגט אז ס'גייט זיין א מנוחה און מ'גייט קענען לערנען, ס'טייטש מ'גייט שוין קענען אוועקלייגן די שווערד. די גמרא אבער זאגט אז דו קענסט יא גיין מיט די שווערד שבת. נו, דארף מען שטעלן לויט די גמרא יא. איך דארף חולק זיין מיט די גמרא אביסל וועגן דעם. מ'דארף וויסן, לויט וואס דו זאגסט, צו מ'מעג גיין מיט א גמרא שבת. אויב ס'איז יא א תכשיט, דאס איז די אמת'דיגע שווערד.

**הלכות שבת פרק יט: דיני יציאה בכלי מלחמה, סנדל המסומר, ותכשיטים**

**הלכה ב: סנדל המסומר**

### Speaker 1:

פארקערט, אויב מ'גייט מיט א בוך אנשטאט אז ס'ליגט נאך נישט אין די קאפ... איך ווייס נישט וואס איז דיין תירוץ, מ'קען טראכטן, דער עולם זאל שוין ארייננשיקן תירוצים. א גוטע קשיא.

ס'קען זיין א חילוק פון הלכות שבת. ס'קען זיין אז דער רמב"ם האט געטראכט אז דאס וואס די גמרא זאגט דא... ס'איז א שיינע פלפול, אבער בן הסך הכל איז, צו א חרב איז א תכשיט. ס'איז גענוג צו הייסן א תכשיט? אפילו דו ווילסט יא זאגן אז ס'איז א שיינקייט, אבער קיין תכשיט לענין הוצאה איז עס נישט.

די שאלה איז אביסל מער, אין אונזער דזשענערעישאן היינט איז עס נישט קיין תכשיט. יא, ס'קען זיין אז אין געוויסע קולטורן איז דא אזא זאך ווי א מענטש גייט מיט א שווערד. ס'מאכט זיך אמאל ביי א פאראד, א מיליטערישע פאראד, איינער גייט מיט א שווערד. אבער איך ווייס נישט צו דאס וואלט געהייסן גענוג א תכשיט, עפעס וואס מ'נעמט ארויף איינמאל א יאר צו ווייזן אז מ'איז געווען א סאלדאט. תכשיט מיינט עפעס וואס א מענטש וואלט אנגעטון סתם אזוי א גרינעם דינסטאג, ער וויל זיך אנטון שיין, ער גייט צו א חתונה, נעמט ער א שווערד.

פארוואס זאל עס האבן צו טון מיט די הלכה פון ימות המשיח? מ'דארף טשעקן צו ס'איז א תכשיט.

### Speaker 2:

דו גייסט שוין ווייט אין מיין מהלך אז אלעס איז סובדזשעקטיוו און רעלאטיוו. איך טראכט נישט אז אלעס איז אבער רעלאטיוו און סובדזשעקטיוו. וואס איז דא די אמת? איך גלייב אז ס'איז יא, ווייל אויב איינער גייט היינט גיין אין עפעס אן אמאלige צייטן וואס איז ממש נישט נוגע, איך ווייס נישט, איך האב נישט קיין עקזעמפל אין מיין קאפ.

### Speaker 1:

איך בין נישט מסכים. איך מיין אז אלעס איז אבדזשעקטיוו, און בטלה דעתם. אויב איינער האלט אנדערש, איך בין גרייט צו זיין נישט מסכים מיט דיר.

דו זעסט דאך אז היינט איז אויך דא. אונז לעבן אין א... אונז ביזדערוויל, דא אין ניו דזשערזי, לעבן אין א וויניגער מיליטעריזד קאלטשור, סאו מען זעט נישט ווערן. אין ארץ ישראל למשל, דרייען זיך מענטשן מיט שווערדן, מיט גאנס א גאנצע צייט. איך קען נישט זאגן אז קיינער פון זיי רעכנט נישט אז ס'איז א תכשיט. אפיציעל איז עס א טרחה, ווייל מען דארף עס האבן, ס'איז טאקע א סכנה. אבער ס'איז אויך נאר א תכשיט ווייל ער איז אין א פלאץ פון מלחמה, און דאס ווייזט אז ער איז א גיבור.

### Speaker 2:

דאס איז נישט קיין תכשיט. ניין, תכשיט מיינט אז דאס איז די וועג ווי ער האט זיך ליב צו ווערן געזען.

### Speaker 1:

פארוואס? ווייל ער איז א סאלדאט, ער איז... דאס איז וואס ער ווייזט. ער ווייזט אז ער איז אן ערפארענער מענטש, ער איז א גיבור, ער האט שומרים, וואטעווער ס'איז.

איך וועל דיר זאגן נאך מער. למשל, איינער טוט אן א צה"ל מעמבער, א צה"ל יוניפארם, וואס ער לייגט אויף אים, איז דאס א תכשיט?

### Speaker 2:

איך מיין אז א תכשיט איז באמת ווייל א שווערד פלעגט מען מאכן פון שיין. עס קען זיין, אלטע שווערדן זענען געווען שיין געבויט. ס'איז שיין, ס'געבט שיינקייט פאר א מענטש. ס'איז נישט נאר פרעקטיקל.

### Speaker 1:

די גמרא רעדט נישט פון דעם. די גמרא רעדט נישט פון דעם. די גמרא רעדט אוודאי נישט פון דעם. די גמרא רעדט נישט פון די אריסטאקראטן. דער מלך האט געהאט א שווערד מיט א... איך ווייס וואס, א בריליאנט דערויף. די גמרא רעדט נישט פון דעם. די משנה רעדט פון די נארמאלע שווערד פון די... ס'איז נאר געווען פאנקשאנעל.

דו זעסט אז דאס איז געווען עפעס וואס... א תכשיט מיינט נישט אז מ'זאל נאכקוקן די שיינקייט. די תכשיט פון א פרוי, דאס איז כאילו וואס איך וויל זאגן, די תכשיט פון א פרוי איז ארויסצובריענגען שיינקייט, און די תכשיט פון א מאן איז ארויסצוברענגען זיין גבורה. דאס איז וואס ס'איז.

יעצט, טאקע וועגן דעם איז די מחלוקת. זאל איך דיר זאגן, אונז אידן גלייבן נישט אין אזא זאך אז גבורה איז א סובדזשעקטיוו זאך. אוודאי איז עס נאך אלץ אמת, און מ'קען אים פרעגן. וועגן דעם טראכט איך אז דער רמב"ם וואלט... ס'מאכט סענס פאר'ן רמב"ם צו טיילן די השקפה פון די הלכה, ווייל די גאנצע משנה מיט די גמרא קוקט ער נאר אן ווי א זכר.

### Speaker 2:

נו, אויב דו ביסט מודה אז ווען משיח וועט קומען וועט מען עס נישט דארפן, איז עס אויך נישט...

### Speaker 1:

אבער ס'איז נישט אמת'דיג וועגן דעם. ס'איז אמת'דיג ווייל ער קוקט עס אן אז ס'איז נישט קיין תכשיט. אזוי וואלט איך געטראכט.

אקעי, זייער גוט. ווייל מ'דארף טשעקן יעדע געגנט. ס'איז דא אסאך פאליטיק, למשל אין ארץ ישראל, מענטשן שלאגן זיך צו לאזן אסאך מאל צו מענטשן ברענגען אין ביהמ"ד. שבת איז דא א שאלה פון הוצאה, אבער ס'איז דא א שאלה פון סכנה. אויב ס'איז דא א סכנה, דארף מען זיכער. ס'איז נישט קיין שאלה. אבער אנדערע, אויב ס'איז נישט דא קיין עירוב און ס'איז נישט ממש א סכנה, קען מען אנקומען צו דער שאלה. ס'איז אויך דא אז מענטשן קומען אריין אין ביהמ"ד דערמיט, און ס'שטייט אז מ'זאל נישט אריינקומען מיט געווער אין ביהמ"ד. און ער זאגט, אקעי, ווייטער, אויב מ'דארף ממש, דארף מען ממש. אבער ס'ווערט אלעמאל די שאלה, איז דאס א שיינע זאך אדער אן עקלדיגע זאך?

איך האב אן ענין וואס דו האסט געזאגט, אז א פרוי'ס שיינקייט איז, אזוויי די גמרא זאגט, **"אשה כלי זיין עליה"**. דאס איז איר כלי זיין, דאס איז איר תכשיט, אויסצוקוקן שיין. און דער מאן איז **"כאיש גבורתו"**. דער מאן'ס אויסקוקן שיין איז על ידי זה וואס ער ווייזט גבורה. ממילא איז די שאלה, לעתיד לבוא, וואס וועט זיין די אמת'ע שיינקייט? איז דאס נאר אזא בהכרח'דיגע שיינקייט ווילאנג ס'איז דא אזויפיל מלחמות? דאס קען זיין די שאלה.

אבער די אמת'ע גבורה פון א מאן איז צו קענען גאנץ ששה סדרי משנה. **"חגור חרבך על ירך גבור"**, אזוויי **"ששים גבורים סביב לה"**, ער קען זעכציג מסכתות, איז א גאנצע אנדערע זאך. אבער ס'איז אינטערעסאנט אז אין הלכה זאל דאס מאכן א חילוק. דאס איז שוין שיינע אגדתא.

אפשר האט דער רמ"א טאקע געהאלטן אז ס'איז נישט אמת'דיג קאנעקטעד, וועגן דעם קען זיין אזוי דא און דארט אזוי, ס'איז נישט קיין סתירה.

אקעי. זייער גוט.

#### דין סנדל המסומר

שוין, זאגט דער רמ"א ווייטער. אזוי, ס'איז דא א מין שיך וואס הייסט **"סנדל המסומר"**, שיך וואס מ'לייגט דערויף סארטן טעפס, סארטן נעגל פון אונטן, אז ס'זאל שטארק קלאפן, שטארקע שיך. זאגט די הלכה, **"אין יוצאין בסנדל המסומר, שסמרו"**, וואס ער האט צוגעלייגט מסמרות, ער האט צוגעלייגט נעגל, **"לחזקו"**, צו מאכן פאר א שטארקע שיך.

פארוואס טאר מען נישט? לכאורה איז דאס א געהעריגע שיך, ער גייט אין א מלבוש. זאגט ער זייער א חומרא, אפילו ביו"ט, וואס יו"ט איז נישט דא קיין איסור הוצאה, **"גזרו שלא יצא בו"**, מ'זאל נישט ארויסגיין מיט דעם, ווייל די גמרא זאגט אז ס'איז געווען אמאל עפעס א סכנה, ווייל די שיך מאכט זייער שטארקע נויז, און אידן זענען געווען אין א בונקער, און זיי האבן געהערט קלאפן פון אזא שיך, איז בסך הכל א איד געקומען צו די בונקער, וואס זיי האבן געהערט אזויפיל קלאפן, האט זיך זיי געדאכט ווי ס'קומט א גאנצע מיליטערישע גרופע, און ס'איז געווען א גרויסע סכנה, און זיי זענען געפאלן איינער אויף די אנדערע. פנים, וועגן ס'איז געווען אמאל דערמיט א ענין פון סכנה, האט מען עס גע'אסר'ט.

ס'איז נישט עכט א דין אין שבת, ס'איז א דין אין סכנה. אבער דער רמב"ם ברענגט עס דא, יא, ס'שטייט אין די משנה אזוי, אבער דער רמב"ם וואלט עס געקענט לייגן אין הלכות רוצח ושמירת נפש, ווייל די עכטע דערפון איז א ענין פון סכנה. אבער מ'האט שוין אריינגעלייגט אין בגדר מלבוש וואס מ'האט גע'אסר'ט.

סא, דאס איז די שאלה צו אין די וואכן מעג מען גיין. ס'קען זיין מ'טאר טאקע אויך נישט אין די וואכן.

### Speaker 2:

ניין, מ'טאר יא, ס'שטייט בפירוש אז מ'טאר יא, נאר ווייל פונקט די מעשה איז געווען שבת.

### Speaker 1:

סא, די תירוץ אויף דעם איז, ווי די פרשנים זאגן, און ווער ס'האט אביסל געקוקט היסטאריע מיט פיקטשערס ווייסט, אז די סנדל המסומר, דאס איז געווען די לבוש פון די רוימישע סאלדאטן. די רוים פלעגט מען מאכן אזעלכע סנדל'ן. דו קענסט קוקן אין די מוזעאום, ס'איז דא גענוג. א רוימישע סנדל איז מיט נאגלעך. דו קענסט נאך זען היינט צוטאג אין די מוזעאום, אדער אין גוגל אין די פיקטשערס.

און ממילא, א איד גייט נישט אזא גוי'ישע לבוש. ס'איז זייער גוי'יש, די רוימישע סאלדזשערס וואס זיי קומען זיך שלאגן מיט אידן. א גאנצע וואך איז נישט געפערליך אז מ'גייט א גוי'ישע לבוש, אבער לכבוד שבת, וויבאלד מ'ברענגט די מעשה ארויסצוברענגען ווי גוי'יש דאס איז. דו זעסט, אז מ'האט געגאר געמיינט אז ס'איז דא איינער מיט דעם, האט מען שוין געמיינט אז די גוים קומען. אבער דאס איז די ענין, ס'איז עפעס א גוי'ישע זאך.

### Speaker 2:

אבער פארוואס האט מען נישט גע'אסר'ט אין די וואכן פאר די גוי'ישקייט דערפון?

### Speaker 1:

אין די וואכן דארף מען נישט גיין אזוי אידיש, נאר שבת. איך הער. אקעי, אקעי, אקעי. דו ווייסט אז די אידן גייען שבת מיט די לענגערע רעקלעך,

וואטעווער, ס'איז א נארמאלע זאך.

ביי קאוויד האב איך יא הנאה געהאט פון די סנדל המסומר. אבער מ'האט יא געאסר'ט עפעס ווייל ס'איז געווען איינמאל א סכנה, און זיי האבן געדענקט ווי הארב סכנה איז.

**דין אבנט מיט גאלד און זילבער**

**"ומותר לצאת באבנט שיש עליו חתיכות קבועות של כסף ושל זהב כמין שרשרת המלאכים עושים."** אויף די גארטל נייען זיי ארויף פון גאלד און זילבער, אזויווי די קעניגן טוען. מעג מען עס גיין, הגם געוועגליך מען טאר זיך נישט ארומדרייען מיט שטיקלעך גאלד און זילבער אויף זיך, אבער דאס איז ארויפגענייט, ממילא איז עס נחשב תכשיט.

וואס הייסט ארויפגענייט? וכל שאינו שיעור תכשיט. לאמיר פארשטיין קלאר, ארויפנייען זאכן אויף א העמד איז נישט קיין היתר צו גיין דערמיט שבת בפשטות. מיר לערנען נישט דא די היתר. נישט יעדע זאך, א מענטש אזוי ווי מען זאגט א רוימאכער, ער האט זיך צוגענייט די רוימאכער מיט א וועלקראו צו זיינע זאכן, נישט ווערן מיט אים.

און פארקערט אפילו, אויב ס'איז נישט... לאמיר נישט רעדן פון די גזירה, לאמיר רעדן יעצט מער קלאר דין מדאורייתא. די היתר פון תכשיט איז א זאך וואס מען לייגט עס ארויף ווייל ס'איז א תכשיט, הגם אפשר נישט קיין נארמאלע מענטש, נאר א מלך, א גאר א גרויסער גביר קען זיך ערלויבן אזא תכשיט. אבער ס'איז נישט פשט אז ער טראגט יעצט גאלד. ס'איז דא אזא זאך, יא, איך האב געליינט אז מ'האט געהארגעט די צאר, איך ווייס וואס, מ'האט געטראפן זיין גאנצע אונטערוועש איז געווען גענייט מיט בריליאנטן און דיימאנדס. דאס איז נישט קיין תכשיט, דאס טאר מען נישט גיין שבת.

איך האב געטראכט אויף די ווארט **"חתיכות קבועות"**. דאס איז די ווארט. אז אויב לייגט ער ארויף שטיקלעך גאלד רענדאמלי היינט, איז לאו דווקא, ווייל ס'איז נישט נקבע אין די וועג. אבער איך זאג אז די היתר איז נישט די קאנעקשן. די היתר איז אמת'דיג דאס, אז א תכשיט איז נישט קיין וועג פון טראגן. ס'איז נישט קיין בעלט וואס ער טראגט ארום זיין גאלד, ער טראגט עס ארום ווייל ער וויל זיך באווייזן אז ער האט א תכשיט.

**"והוא שלא יהא רפוי"**, זאגט דער רמ"א. דאס איז נאר אויב ס'איז נישט רפוי, ס'הענגט נישט דארטן שוואכלעך, נאר ס'איז קבוע, ס'איז שטארק אנגענייט. אבער אויב איז עס רפוי, מ'קען עס ארויסנעמען, איז דאך א חשש **"שמא יפול ברשות הרבים"**, ס'וועט אראפפאלן אין רשות הרבים, און ס'איז דאך א טייערע זאך, **"ויבוא להביאו ארבע אמות ברשות הרבים"**.

אקעי.

**הלכה ג: טבעת שיש עליו חותם**

יעצט לערנט מען אן אינטערעסאנטע הלכה פון א טבעת. יא? **"טבעת שיש עליו חותם"**. א טבעת האט אויף זיך א רינגל, אבער עס האט אויך אויף זיך א חותם, מ'קען אויף דעם א זיגל, ס'טייטש אריינגעקריצט עפעס, און מ'נעמט אביסל, נעכטן האבן מיר געלערנט עופרת פאר א זיגל, אדום, אדער מ'נעמט אביסל, יא, אדום ווייכע עופרת, אדער שעוה, און מ'לייגט אריין אין דעם די זיגל. איז די זאך איז מיט א שיטה וויאזוי, ס'איז א זאך וואס האט א פראקטישע יוז, און א מאן איז דער וואס זיגלט און ער טוט ביזנעס.

**טבעת שיש/שאין עליה חותם — איש ואשה, וגזירת חכמים על תכשיטים**

**הלכה ג: טבעת שיש עליה חותם — מתכשיטי איש, ושאין עליה חותם — מתכשיטי אשה**

קריאה והסבר הרמב"ם

**טבעת שיש עליה חותם - מתכשיטי האיש ואינה מתכשיטי אשה, ושאין עליה חותם - מתכשיטי אשה ואינה מתכשיטי האיש.**

א פרוי גייט א טבעת וואס האט נישט קיין חותם. א טבעת איז נאר פאר שיינקייט, א טבעת פון אן אשה. איז אזוי איז דאס, ס'איז אירע תכשיטים.

אזוי א פרוי האט נישט וואס צו טון צו גיין מיט אזא טבעת, ווייל פאר איר הייסט עס נישט קיין תכשיט. שאין לה חותם, א טבעת וואס האט נישט קיין חותם איז מתכשיטי אשה, אן אשה וועט מעגן גיין מיט דעם, אבער ס'איז נישט מתכשיטי איש, ווייל ס'פאסט נישט פאר א מאן. ממילא וועט מען נישט טארן גיין.

**וממילא, לפיכך, אשה שיצאה בטבעת שיש עליה חותם, או איש שיוצא בטבעת שאין עליה חותם, חייבין.**

וועלכן זיי זיין חייב, ווייל זיי זענען געגאנגען מיט עפעס וואס הייסט נישט קיין מלבוש. דא זעט מען זייער קלאר... א תכשיט, אנטשולדיגט. דא זעט מען זייער קלאר אזוי ווי דו האסט געזאגט אז מ'קוקט נישט אויף יעדן מענטש, ווייל דער מענטש איז דאך ארויסגעגאנגען, ער האט יא געטראכט אז ס'איז א תכשיט. אבער ס'גייט נישט אזוי.

**קשיא הגמרא — שלא כדרך המוציאין**

לא בדוק, לאמיר זען. ס'קען זיין... פרעגט די גמרא, **ואימא חייבין?** פרעגט די גמרא אן אנדערע שאלה. אקעי, איך הער אז ס'איז נישט קיין תכשיט, ממילא דארף מען זיין חייב. אבער **והרי הוציאום שלא כדרך המוציאין**, ער האט עס ארויסגעטראגן נישט די וועג וויאזוי מ'טראגט ארויס זאכן. פארוואס? **שאין דרך האיש להוציא באצבעו אלא טבעת הראוי לו.**

א רגע, שלא כדרך המוציאין, איך האב געמיינט ווען ער זאגט עס, ווייל ער האט עס ארויפגעלייגט אויף זיין פינגער אנשטאט עס האלטן אין די הענט. אבער דאס איז נישט די ווארט, ווייל אויפלייגן אויף די פינגער, אויב דאס איז א וועג פון טראגן, וואלט נאך אלץ געקענט הייסן טראגן. אזויווי למשל די רומח... אקעי, ניין, דאס איז טאקע נישט קיין וועג פון טראגן, עקזעקטלי, ווייל ס'איז נישט די זאך וואס באלאנגט פאר דיר.

**שאין דרך האיש להוציא באצבעו אלא טבעת הראוי לו**, ס'איז דאך נישט די סדר אז אן איש זאל דאס טראגן, ווייל ס'האט נישט קיין חותם. **וכן אישה אין דרכה להוציא באצבעה אלא טבעת הראויה לה.** אויב אזוי איז דאס שלא כדרך המוציאין.

**תירוץ הגמרא — פעמים נותן איש טבעתו לאשתו**

דער תירוץ איז אז ניין, ס'איז נישט קיין דרך אנצוטון, אבער ס'איז גראדע יא א דרך צו גיין דערמיט. פארוואס? זאגט ער, ניין, **שפעמים, ס'מאכט זיך יא אמאל, אז נותן איש טבעתו לאשתו להצניעה בבית.** ער גיבט די טבעת פאר די פרוי זאל קער נעמען דערפון, זאל עס אוועקלייגן. **ומניחה באצבעה עד שמגעת לביתה.** זי טוט עס אן ווי לאנג זי דארף קער נעמען פון דעם, ווי לאנג זי דארף עס האבן.

אדער, **וכן**, מאכט זיך אמאל, **אשה נותנת טבעתה לבעלה**, עס צו גיין מתקן זיין **אצל האומן**. און וואס טוט א מאן ווען די ווייב גיבט אים א בעג גיי קער נעמען דערפון? די ווייב גיבט אים, ער לייגט עס אין טאג, איך וועל עס טון. **מניחה באצבעו**, ער לייגט עס אויף זיין פינגער, **עד שמגיע אצל האומן.** ביז ער קומט אן צו די אומן.

סאו ס'קומט אויס אז ס'איז יא א שטיקל דרך להוציא. ס'איז נישט אז קיינמאל וועסטו נישט טרעפן אויף א פרוי'ס האנט א טבעת שיש לה חותם. ס'איז נישט אז מ'טרעפט נישט. מ'טרעפט, ס'מאכט זיך אמאל. ממילא, **שהוציאוהו כדרכן שדרכן להוציאן, לפיכך חייבין.**

**חילוק יסודי — דרך תכשיט לעומת דרך הוצאה**

אבער דא דארף מען פארשטיין זייער קלאר. ס'איז דא צוויי אנדערע זאכן. ס'איז דא די דרך אנצוטון וואס מאכט א תכשיט, און נאכדעם איז דא די דרך צו טראגן. רייט? דרך המוציאין מיינט אז מ'טראגט נישט אזוי, רייט?

סאו די פראבלעם איז אז לכאורה די קשיא איז געווען אז אין די זאך וואס דו זאגסט אז מענער טראגן נישט אזא חותם און פרויען טראגן נישט אזא חותם, איז דאך כולל צוויי זאכן בעצם. קודם כל, א מאן גייט נישט אזא תכשיט, ס'איז נישט קיין מענערישע זאך, ס'שטייט אויף די ווייבער סייד פון די געשעפט. און צווייטנס, ער טראגט נישט אזוי, נישט אזוי טראגט א מאן. א

פרוי קען זאגן טראגט, אבער גראדע מעג זי טראגן ווייל ס'איז א תכשיט, אבער א מאן טראגט נישט אזוי.

דער תירוץ איז ניין, אז טראגן טראגט מען גראדע יא אזוי. נישט יעדע מאל, אבער מ'טראגט אזוי. פארוואס טראגט מען אזוי? נישט ווייל ער וויל עס אנטון, נאר ווייל ער וויל עס שלעפן. ווען א מאן גיבט זיין פרוי אזא טבעת צו שלעפן, לייגט זי עס נישט אין טאש, זי לייגט עס אויפ'ן פינגער. ס'קומט אויס אז ס'איז א נארמאלע וועג פון טראגן, אבער ס'איז נישט קיין נארמאלע וועג פון תכשיט.

סאו אויב ער איז א מאן, ווייל ס'איז נישט קיין תכשיט, איז ער חייב ווייל ס'איז א דרך הוצאה. סאו איך וואלט געזאגט אזוי, אן אינטערעסאנטע זאך. אויב האלט מען עס אין די האנט, איז זיכער איז ער חייב, אזוויי ווען מ'טראגט אביסל טעווע, יעדע זאך וואס האט א שיעור ווען מ'טראגט.

דא רעדט מען ווייל דאס איז אנגעטון. וואס איז אנגעטון איז אזוי: אדער איז עס א תכשיט, אדער איז עס שלא כדרכו. אויף דעם ענטפערט ער אז ס'קען זיין א שטיקל כדרכו, אז מ'טוט עס אן ווייל מ'דארף עפעס ערלעדיגן, אבער נישט גענוג אז ס'זאל ווערן א תכשיט איש אדער א תכשיט אשה. ס'איז נישט קיין תכשיט, ער טוט עס נישט אן ווייל ער גייט דערמיט, ער טוט עס אן פונקציאנעל, ער דארף עס שלעפן צום אומן.

דו ביסט גערעכט אז סאו דא זעט מען, אקעי, דער מענטש האט טאקע... ער האט זיך געוואלט זאגן, סאו אין די קעיס פון דעם איז חייב, נישט ווייל דער מענטש פירט זיך יא צו גיין מיט א טבעת, ס'איז מער ווייל ס'איז נישט קיין אינו דרך המלבוש, ס'איז א יא דרך המלבוש. אפילו דער ספעציפישער מענטש האט קיינמאל נישט געהאט די מעשה וואס מ'האט געשיקט לתקן. אבער אויב ס'איז דא א מנהג קאמפלעט, יעצט איז אן אנדערע שאלה, אויב היינט איז אנדערש, אויב דו וואוינסט אין א שטאט אדער אין א קולטור וואס ס'איז יא נארמאל פאר מענער צו גיין מיט טבעות, לכאורה דארף זיין מותר, אזוי שטייט טאקע אין שולחן ערוך בשם יש מי שמתיר. שטייט נישט אזוי?

יא.

**דיסקוסיע — צי טוישט זיך די הלכה ווען די מציאות טוישט זיך**

סאו וויאזוי איז די שאלה, צו מ'קוקט אויף א ספעציפישן מענטש אדער א ספעציפישע שטאט, אדער די הלכות זענען אזוי ווי געשריבן, דאס איז עס? איך וואלט געזאגט דאס איז עס, ס'מאכט נישט קיין סענס. ס'איז אנדערע זאכן... ס'איז נישט קיין גזירת הכתוב.

ניין, אבער די וועג וויאזוי הלכה שטייט איז, אזוווי מיר האבן געהאט למשל די ענין פון כלי מלחמה, טשעקן, ס'שטייט אין פסוק. מ'זאגט נישט דארט אז מיר גייען פרעגן די שאלה אין די שטאט...

רייט, אבער דאס איז אויך ווייל יענץ איז א שארפע שאלה. אונז זענען נישט מחלק דערין, ס'איז נישט קיין טויש אין די מציאות, יעדער איינער ווייסט וואס איז א כלי מלחמה, און נישט אלע ווערטער קוקן דערויף. אבער דא האט זיך געטוישט די מציאות. איך האב הנאה פון דעם איד דא פון אונטן וואס זאגט אז אין שולחן ערוך שטייט אז בימינו איז שוין נהגו איסור, ער זאגט נישט בימינו, בזמן השולחן ערוך, ווייל אין די איד'ס געגנט גייען נישט קיין מענער מיט דעם.

אבער איך האב חושש אז ער גייט אריין אין א פלאץ וואס יעדע געגנט איז שוין מוגזם. איך וואלט געזאגט אז היינט מענער גייען יא מיט טבעות, ממילא ס'איז זיכער נישט חייב. אויב איינער וויל זאגן אז א פרומקייט וויל ער נישט גיין, אקעי, אונז גייען סיווי נישט קיין טבעות, אבער די וואס גייען זאלן וויסן אז לכאורה מעגן זיי נאך שבת. בכלל מיין איך אז אויב ס'איז א פלאץ רשות הרבים און מ'איז מחמיר אויף תכשיטים, איז מען חושש אז ס'איז נישט קיין רשות הרבים, ס'איז א כרמלית.

**הלכה ד: לא תצא אשה בטבעת שאין עליה חותם — גזירת חכמים**

**קריאה והסבר הרמב"ם**

א אישה, יעצט וועט מען זען... לאמיר גיין קלאר, ווייל דא וועט מען זען אז אלע לערנען די נעקסטע סיבה. אקעי, זאגט ער אזוי, **לא תצא אשה**, סיבה ד', **לא תצא אשה בטבעת שאין עליה חותם.** מיר האבן געשמועסט אז א טבעת שאין עליה חותם איז א ריכטיגע תכשיט פאר א פרוי. זאל זי אבער נישט ארויסגיין מיט אזא רינגל, **אפילו פשוטי תכשיטיה**, אפילו ס'איז פון אירע תכשיטים. פארוואס? לכאורה א תכשיט איז דאך אזוויי א מלבוש.

איז דא א חשש, א נייע חשש וואס די חכמים האבן געמאכט, א גזירה, **שמא תרצה להראות לחברותיה, כדרך שהנשים עושות תמיד.** די פרויען, זי טוט זיך אן פאר א תכשיט זיך שיין צו מאכן, און זי גייט ארויסגיין מיט דעם אין רשות הרבים, איז דא א חשש אז ס'גייט נישט בלייבן אויף איר פינגער די גאנצע צייט, נאר זי גייט עס אויסטון און ווייזן, און די חבר'טע גייט עס איבערנעמען און עס באטראכטן, און דעמאלטס גייט זיין א חשש ווען זי וועט גיין די ד' אמות אין רשות הרבים נישט דרך מלבוש.

**קשיא — צי איז דאס הוצאה דאורייתא**

אבער ס'איז דאך אבער, מ'דארף טראכטן, ווען זי טוט אזא וועג, וועט דאס הייסן הוצאה ממש מדאורייתא? אדער איז דאס א מלאכה שאינה צריכה לגופה? ניין, ווייל זי וויל דאך נישט טראגן, זי וויל בסך הכל שפאצירן מיט איר פרענד, זי וויל ווייזן. אויב זי גייט עס ארויסנעמען פון דא צו דא, זי גייט עס אויסטון, אנהאלטן, און ס'שטייט נישט אז זי גייט פירן צו ווייזן, זי גייט עס ברענגען צו איר חבר'טע וואס שטייט אין די אנדערע זייט גאס, און זי ברענגט עס צו. ס'איז געווען גאר א גרויסע הוצאה ברשות הרבים, אפילו אן שפאצירן, ס'איז געווען גאר א גרויסע הוצאה. האסט פארשטאנען? ס'איז א שאלה פון עקירה והנחה, בדרך הילוכה, ס'איז נישט קיין עקירה. ס'איז שוין טעכנישע פראבלעמען.

**סיום ההלכה**

אקעי, **ואם יצאה בו**, אויב זי איז ארויסגעגאנגען מיט א טבעת, **פטורה**, ווייל בעצם איז עס א תכשיט, ס'איז נאר א גזירה פון די חכמים. **אבל איש, מותר לצאת בטבעת שיש עליה חותם**, דהיינו אז ס'איז א תכשיט, פאר אים איז דאס א תכשיט, **ואין דרכו להראות**, ס'איז נישט זיין וועג פון ווייזן. א מאן גייט נישט ווייזן פאר מענטשן, א מאן איז אסאך מער, ער קוקט אזוי פון די זייט צו מענטשן קוקן, דאס יא, אבער ער גייט נישט ווייזן. ס'גייט דיך אויפטון אליין באמערקן, זאגט א מאן.

**מנהג כל העם שלא יצאו בטבעת כלל.** אבער למעשה פירט זיך די כל העם, נישט נאר מנהג קהילות, נאר ער זעט אז די רמב"ם וויל אז מ'זאל זיך אזוי פירן, אז מ'זאל בכלל נישט גיין מיט א טבעת, אויך נישט א מאן. פארוואס? וואס איז די חומרא? נישט קלאר.

**מגן אברהם — מנהג חסידים**

די הייליגע מגן אברהם טייטשט אויף די ירושלמי, "מנהג חסידים" - "אלו יוצאי חלה וכל המקומות לאסור", מ'איז געוואר געווארן אויף ביידע.

**רבינו תם — הנח להם שיהיו שוגגים**

מ'דארף וויסן אז די רעאליטי איז פונקט פארקערט ווי דער רמב"ם זאגט, דהיינו, אזוי ווי רבינו תם האט שוין גערעדט וועגן דעם, ס'ווערט געברענגט דא אין די הגהות מיימוניות אין די נעקסטע הלכה, בעצם אויף די הלכה. די רעאליטי איז אז נישט נאר מענער פירן זיך למעשה צו גיין מיט א טבעת, אדער מענער מיינט מען מיט עני תכשיט וואס איז פאר מענער, ווייל ביי מענער איז נישט דא די גזירה "שמא יוציא ויראה", אבער אפילו אונזערע פרויען פירן זיך צו גיין מיט תכשיטים בשבת. מ'זעט נישט אז פרויען גייען נישט ארויס שבת אין דרויסן מיט זייערע תכשיטים.

און ס'איז נישט קלאר, רבינו תם, און זיי האבן געזאגט אז מ'זאל זיי לאזן, ווייל קודם כל וועלן זיי גארנישט פאלגן, "הנח להם שיהיו שוגגים", און מ'האט געפרואווט צו זוכן א תירוץ, אז אפשר ווייל היינט איז נישטא קיין רשות הרבים דאורייתא, דאס איז די זאך אז... אדער זיי זאגן אז ס'איז זייער... ס'שטייט נישט די חילוק, די חילוק שטייט אויף טאר נישט, ס'שטייט

נישט אז אין כרמלית מעג מען יא. אדער היינט פירט מען זיך שוין נישט אזוי שטארק צו ארויסנעמען די תכשיטים. פארשידענע אזעלכע סארט תירוצים.

די פאקט איז אז די מנהג, וואס ס'שטייט אין די ראשונים שוין, אפילו אויף מענער, ס'שטייט, ער ברענגט פון מגן אברהם, זעסט אז מענער זענען דא פלעצער וואס זיי גייען יא מיט טבעות און תכשיטים, על אף וואס זיי זענען מלובשים כנשים. די מנהג איז נישט להחמיר אזוווי דער רמב"ם זאגט אינגאנצן, מ'איז אפילו מקיל זיין אפילו אויף די אופנים וואס ס'דארף זיין אסור, דאס איז אויך די ענין פון מילה, למשל אז א מענטש האט א שיינע זייגער, צו מ'מעג גיין דערמיט שבת.

**נפקא מינה למעשה**

סאו לויט וואס מיר זענען דא, דער רמב"ם זאגט אז מ'זאל נישט. אבער ס'איז דא א קליינע נקודה, א טבעת שיש עליו חותם וואלט מען ווען געקענט טראכטן אז ס'זאל הייסן א כלי שמלאכתו לאיסור, יא? ווייל ס'איז געמאכט צו זיגלען. אבער דו זעסט אז דאס איז נישט די ווארט, דו זעסט אז די עיקר דערפון איז א תכשיט, העפנטס טו בי אז ס'האט אויך א פאנקשען פון א חותם, מ'רופט עס "טבעת שיש עליו חותם".

אבער למשל איינער האט א זייער שיינע פען, וואס ס'איז ממש ווי א תכשיט, ס'איז א פען, א שיינע פען, אבער ס'איז א פען, ס'איז א כלי שמלאכתו לאיסור לכאורה. דו זעסט אז ס'העפנטס טו בי אז ס'האט אויך א חותם, אבער די עיקר פאנקשען דערפון איז די תכשיט דערפון.

קען זיין, יא, אבער למשל... יא, ס'מאכט סענס. ווייל ס'איז נישט קיין סטעמפ, ס'איז א טבעת. פארוואס לייגט מען נישט קיין סטעמפ?

רייט, מ'לייגט עס אויף די פינגער, פשוט מ'זאל האבן וואו צו שלעפן די סטעמפ. די סטעמפ קען מען לייגן אין שאנק.

ס'איז עפעס, איך קען נישט פארשטיין. איך טראכט, פארוואס לייגט מען סתם א טבעת? ווייל מענטשן זאלן עס נישט גנב'ענען? און אזוי ווייסטו אז ס'איז דיין סטעמפ?

ס'קען זיין אז די סטעמפ אליין איז א שיינע זאך. א סטעמפ איז געווען למשל די אינישעלס פון די מענטש'ס נאמען, האט מען געמאכט א שיינע אות.

**דיון אין הלכות יציאה בשבת — טבעת, מחט, און תכשיטים**

**המשך הדיון וועגן טבעת שיש עליה חותם**

**Speaker 1:** יא, ס'מאכט סענס, ווייל ס'איז נישט קיין סטעמפ, ס'איז א טבעת. פארוואס זאלסטו לייגן א סטעמפ... ס'איז נישט קיין... רייט, דו לייגסט עס אויף די פינגער. דו ווילסט האבן וויאזוי צו שלעפן די סטעמפ. די סטעמפ קענסטו לייגן אין שאנק. ס'איז עפעס... איך טראכט, פארוואס זאלסטו לייגן א טבעת אז א מענטש זאל עס נישט גנב'ענען? אזוי ווייסטו אז ס'איז דיין סטעמפ? ס'קען זיין אז די סטעמפ אליין איז א שיינע זאך. די סטעמפ איז געווען למשל די אינישלס פון דעם מענטש'ס נאמען, האט ער געמאכט א שיינע גראפיק זיין נאמען. ס'איז א חלק פון די שיינקייט, און מען נוצט עס נאכדעם פאר חותם זיין.

**Speaker 2:** אז דו זאגסט אזוי, איך טראכט, אבער אויב אזוי, פארוואס אן אשה טאר נישט גיין דערמיט? דו זעסט אז ס'איז נישט ניחא אז די אשה זאל גיין דערמיט. די אשה וואס גייט נישט מיט פונקציאנאלע זאכן, נאר מיט...

**Speaker 1:** מיינסט צו זאגן, אויב די חותם איז דאס וואס איז דאס מתיר פאר א מאן, מוז זיין אז די חותם איז א חשוב'ע זאך. ממילא, זאל יא זיין א שאלה פון א כלי שמלאכתו לאיסור. אויב די סיבה פארוואס דער מאן גייט איז ווייל ס'איז יש לו חותם, איז די חותם יא א וויכטיגע חלק דערפון. ס'איז נישט נאר א טפל.

**Speaker 2:** ס'איז זיכער וויכטיג, אבער די פשט איז... ניין, דארט זאגט מען, די סארט טבעת גייען מענער. בקיצור, עקטשולי, יא, ס'איז א תכשיט, איך ווייס נישט. מיר דרייען זיך נישט זיכער מיט דעם. איך מיין, היינט, אויב ס'איז דא א טבעת שיש לה חותם, איז דאס זיכער א שיינע זיגל. אה, אויב איינער האט יא א טבעת... דאס שטייט זיך נאר, נהגו לצאת בטבעת שיש לה חותם. איך ווייס נישט, אפשר אין יענע צייטן איז נאך געווען אז א מלך זיגלט. איך ווייס נישט, אבער איך קען נישט קיינעם וואס זיגלט מיט זיין פינגערל. איך האב נאך נישט געטראפן אזא איד. אפשר דא אין ירושלים אין אלטשטאט, די מענטשן וואס טוען אלע מנהגי חכמים, אפשר זיגלען זיי זאכן מיט זיגלעך. איך ווייס נישט.

**דיגרעסיע: שליסל אין בעלט און טיי-קליפ**

**Speaker 1:** אקעי. יא. די סיפא, יא. יא. נאר דאס וואס דו זאגסט אז מ'איז מקיל היינט, דערמאן איך מיר אז ס'איז געווען דער מנהג, עט ליעסט אמאל, ווען ס'איז נאך נישט געווען איבעראל א שבת-לאק, די מער מאדערנע אידן האבן געהאט א שליסל, און זיי האבן עס געמאכט ווי עפעס אויף זייער נעקטיי. זיי האבן געהאט אזא שיינערע שליסל, און זיי האבן עס געלייגט אויף די נעקטיי. יא, געדענקסט אזא העטער וואס מענטשן פלעגן נוצן? ס'איז געווען אן אפטע זאך אין אמעריקע. סאו דו זעסט אז א פאנקשאנעל זאך וואס איז א תכשיט.

**Speaker 2:** יא, איך מיין אז ס'סאונדט צו מיר א היתר מפקפק אין דעם, לויט ווי דו זאגסט.

**Speaker 1:** יא, דער מענטש גייט שוין איינס, און ס'ליגט אזוי אויף זיין נעק-טיי. אויף די נעק-טיי איז דא עפעס אזא שטיקל מעטאל וואס מ'ליגט אמאל. ס'איז עפעס אזוי... איך געדענק אז ס'איז געווען אן אפטע זאך.

**Speaker 2:** יא, מענטשן נוצן עס נאך אלץ. מ'מאכט עס און דו לייגסט אריין די בעלט, יא.

**Speaker 1:** אדער אין די בעלט. אבער דו זעסט אז...

**Speaker 2:** ניין, די בעלט אפשר איז אן אנדערע זאך, ווייל ס'ווערט בטל. די בעלט האט דאך ממש א מלבוש. ס'ווערט...

**Speaker 1:** ס'איז נישט קיין תכשיט. די בעלט איז נישט קיין תכשיט, ס'איז א חלק פון די בעלט.

**Speaker 2:** איך פלעג וואוינען... וויאזוי גייט דער עולם אין וויליאמסבורג? גייען נישט, יעדער איינער האט א נומבער?

**Speaker 1:** דארט איז נומבערס, אבער...

**Speaker 2:** איך פלעג וואוינען אין קראון הייטס. דארט איז נאך אלטע צייטן, דער עולם ווייסט נאך אז מ'קען מאכן נומבער לאקס אויף די הייזער. ס'קאסט נאך הונדערט דאלער א שידוך געלט. סאו, מ'פארקויפט דארטן, אפשר אין לעיקוואוד אויך, מ'פארקויפט אזא בעלט וואס מ'שטעקט אריין די קי, און די קי ווערט אזוי ווי א חלק פון די...

**Speaker 1:** ס'מאכט צו די בעלט.

**Speaker 2:** ס'מאכט צו די בעלט, און מיט דעם גייט דער עולם שבת. ס'זעט מיר אויך אויס אזא העטער, אזוי ווי... אויב ס'איז טאקע רשות הרבים דאורייתא, ווייס איך נישט ווי א גוטע היתר דאס איז.

**Speaker 1:** ניין, אבער אזויפיל דא קענסטו יא זען אז א טבעת שאין עליו חותם, זאג איך נישט אז ס'איז א חותם, און ממילא הייסט עס נישט קיין תכשיט, ווייל די טבעת דערפון איז א תכשיט. ס'האט אויך א פאנקשאנעליטי, סאו ס'איז ענליך צו יענעם מנהג.

**Speaker 2:** ניין, דאס איז אנדערש. יענץ איז... די מענטשן וואס מאכן יענץ, זיי מאכן טאקע אז ס'זאל זיין פאנקשאנעל, אז ס'זאל נישט ארבעטן. ער זאגט נישט, "איך האב א שיינע שליסל, ס'ליגט דא." יענץ וואלט געווען די היתר פון די טבעת שאין עליו חותם. ער וויל א גרעסערע היתר, ער וויל אפשר א היתר אזוי ווי... מ'זאל נישט דארפן ארויפפאלן אויף די היתר פון די שליסל.

**Speaker 1:** און ער טראגט עס נישט בעצם אלס תכשיט, ער טראגט עס בעצם ווייל ער וויל האבן די שליסל.

**Speaker 2:** נישט אין די בעלט. אין די פאל פון די בעלט, ווייל ער האבן די בעלט פאר א סתם זאך, ווייל ער גייט א בעלט. אבער למשל, אין די פאל ווען ער וואלט נישט געלייגט די שטיקל מעטאל אויף די באו-טיי, ער טוט עס ווייל...

**Speaker 1:** אקעי, אבער אויב ס'איז א תכשיט, אפשר מעג מען טראגן די תכשיט. אזוי ווי ער מעג גיין מיט די קליפ אויף די באו-טיי לכתחילה, איז דאך א חילוק. סאו, ביי די יודען גייט מען אזא קליפ פאר שבת גייט מען שליסל. זייער גוט.

**הלכה ה׳ — מחט נקובה ומחט שאינה נקובה**

**Speaker 2:** אקעי, סעיף ה׳. ענליך צו די מעשה מיט די טבעת שיש עליו חותם איז דא נאך עפעס. איז דא א מחט, א נאדל. ס'איז דא א נאדל וואס האט א לאך, א נקיבה, וואו דארטן לייגט מען אריין די פאדעם, איז אויך תקלה, עפעס וואס מ'נוצט צו נייען. אבער וואס ס'שטייט דא איז פארקערט. אקעי, לאמיר זען. **אשה שהוציאה במחט נקיבה**, א פרוי וואס גייט ארויס מיט א מחט, אבער ס'איז א מחט נקיבה, **איז חייבת**, ווייל ס'הייסט נישט קיין תכשיט פאר א פרוי, **אבל איש פטור**. דער מאן איז יא פטור. אבער ס'איז וואס איז די דרך, יא? רייט. **ואיש שהוציא במחט שאינה נקיבה חייב, ואשה פטורה**, פונקט פארקערט, נשים ותכשיטיהן. זעט אויס די שיינקייט פון א פרוי איז אז זי דארף גארנישט טון, און דער מאן איז זיין תכשיט איז זיין אן עובד ה׳, אן ערליכער. מחט נקיבה, אשה שהוציאה במחט... אה, אשה במחט נקיבה איז חייבת, און דער איש פטור. ס'הייסט פאר אן איש הייסט עס נישט ווי געטראגן א משא. נישט פארקערט, אזויווי די טבעת. ווייל מענער גייען נישט מיט דעם, נישט ווייל ס'איז א תכשיט.

**ביאור הדין**

**Speaker 1:** ס'איז דא צוויי... לאמיר קודם מסביר זיין, ס'איז דא צוויי סארט מחט. ס'איז דא א "פאנקשאנעל" מחט מיט א לאך, וואס ווי דו זאגסט, מ'נוצט דאס אויף צו נייען. ס'איז דא א מחט אן א לאך, וואס איז סתם א "פין", א שיינע "פין" וואס מ'גייט. אקעי?

יעצט, דא איז אבער פארקערט. נישט אז מענער נוצן דעם מחט מיט א לאך, פרויען נוצן עס, פרויען נייען דערמיט. ממילא איז ביי זיי די דרך מוציא צו זיין אזא סארט מחט אריינגעשטעקט ערגעץ וואו, "וואטעווער". ממילא אויב זי גייט דערמיט איז זי חייב, ווייל ס'איז נישט קיין תכשיט און ס'איז יא די דרך.

אן איש וואס ער גייט מיט דעם, אויך נישט קיין תכשיט, אבער ס'איז נישט קיין דרך פון דעם מענטש צו גיין מיט אזא מחט, ווייל ער זאגט ס'איז א גנאי פאר א מענטש, מ'זאל גיין מיט דעם, ס'איז א שניידער. א מענטש וויל נישט אז מ'זאל מיינען אז ער איז א שניידער. חוץ אויב ער איז א שניידער, פארשטייט זיך. א שניידער אליין קען זיין אז ער איז יא חייב, אבער דער נארמאלער מענטש איז נישט חייב. פארוואס? ווייל ס'איז נישט קיין דרך המוציא.

א פרוי איז פארקערט, ווייל ס'הייסט נישט קיין תכשיט, וועגן דעם איז זי פטור. ס'איז נישט מוציא, ס'איז נישט קיין תכשיט, אבער ס'איז אויך נישט קיין דרך הוצאה. אבער די פרוי, הואיל און ס'איז דא עפעס וואס זי... וואס ס'איז דא פאר איר א חפץ וואס זי טראגט נישט קיין תכשיט, איז ער חייב. פארוואס איז ער חייב? ווייל א מחט שאין לה נקב איז א תכשיט.

אן איש, אבער מיט א מחט שאין לה נקב, א מאן גייט ארויס מיט א שיינע פען, פאר אים הייסט עס נישט קיין תכשיט, איז ער חייב. **ואשה פטורה במחט שאין לה נקב**, ווייל א מחט שאין לה נקב איז א תכשיט, **און אשה יוצאה בתכשיטיה**, וואס א פען, **ואינה אסורה**, ס'איז נישט אסור, **אלא אזוי ווי אנדערע תכשיטים, גזירה שמא תטלה ותראה לחברתה**, איז עס אסור לכתחילה, אבער ס'איז נישט קיין הוצאה, איסור גמור.

**דער כלל פון דעם רמב״ם**

**Speaker 1:** **זה הכלל**, זאגט דער רמב״ם אזוי, **זה הכלל, כל היוצא בדבר שאינו מתכשיטיו ואינו דרך מלבושו**, ס'איז נישט קיין תכשיט און ס'איז נישט קיין דרך מלבוש, **און ס'איז נישט וסת למוציאו, כדרך שמוציאין אותו הדבר**, ס'איז ארויסגעטראגן אזוי ווי מ'טראגט יענעם דבר, למשל, אויף די הענט ארויפגעלייגט, אדער בכל אופן, אפילו אויב ס'איז האלב וועגס אנגעטון, ער מיינט צו זאגן באופן שמוציאין אותו הדבר, **איז חייב**.

**וכל היוצא בדבר שהוא מתכשיטיו**, ס'איז יא א תכשיט, **והוא רפוי**, איז דא יעצט דא א כלל, אויב איז עס שוואך, **ואפשר שיפול מהרה, יבוא להביאו**, דער רמב״ם זאגט דא א נייע גזירה, אז עפעס וואס איז שוואך, וואס מיר האבן שוין געהאט וועגן רפוי, עפעס וואס איז שוואך און ס'קען גרינג פאלן, איז דא א נייע חשש אז ער גייט עס טראגן ברשות הרבים ווען ס'גייט אראפפאלן, ס'גייט מער נישט האלטן אויף די וועש.

און פאר אן אשה איז דא אן אנדערע סיבה פארוואס זי זאל נישט ווערן מיטראגן צו ווייזן, **וכן אשה שיוצאה בתכשיטין שדרכה לשלוף אותן**, וואס דער סדר אז די תכשיטים טוט מען אויס **להראותן לחברותיה, הרי אלו פטורין**, זיי זענען אסור לכתחילה אלס חשש הוצאה, אבער ס'איז פטור.

און ווען מעג מען לכתחילה? **דבר שהוא תכשיט, והוא אינו נופל ואינו דרך להראותו**, ס'האט נישט די חסרונות אז מ'גייט עס טראגן ברשות הרבים אדער צו ווייזן אדער ווייל ס'פאלט אראפ, **הרי זה מותר לצאת בו לכתחילה**.

**לפיכך — עצדה (ברעסלעט)**

**Speaker 1:** **לפיכך, עצדה**, א ברעסלעט, **שמניחין בזרוע או בשוק**, א ברעסלעט וואס מ'לייגט אויף די הענט אדער אויף די פיס — היינטיגע צייטן פירט מען זיך נישט שטארק אויף די פיס — **יוצאין בה בשבת, ובלבד שתהיה דבוקה לבשרה ולא תישמט**, ס'זאל זיין פירם, ס'זאל גוט ליגן אויף די, ס'זאל נישט זיין א ברעסלעט וואס קען ארויספאלן.

דער חיים קארק, הערט ס'איבער אזוי, אזא זאך איז נישט דער מנהג אראפצונעמען. ס'איז נישט עפעס וואס מ'טוט אויס גרינג. סיי ס'איז נישט דערמיט געגאנגען, סיי ס'איז שווער, ס'וועט נישט אראפפאלן, מ'וויל נישט זיין דיך שיין שעה מיט היפאד.

**הלכה ו׳ — חוטי צמר, חוטי פשתן, רצועות**

**Speaker 1:** ווייטער, זאגט די אלעך מלבושים, אסאך פון די גמרות בעיסיקלי פון זאכן וואס נאך אזעלכע ערדליכל זייערעס, אדער בעיסיקלי וואס איז, וואס איז אינע פון די צוויי אדער דריי קדיגעווערס וואס מ'העצט געלערנט, יא? יא, איז אזוי, **לא תצא אשה**, מע רעדט אויף פון אזא סארט שייטל, אזא פרוי וואס לייגט אויף די האר לייגט זי ארויף שטיקלעך סחורה אדער האר, איז אזוי, **לא תצא אשה בחוטי צמר או בחוטי פשתן**, מיט מיט פעדערמער וואס ער לייגט ארויף אויף די האר, **או ברצועות**, רצועות מיינערליך געוועגליך איז פון לעדער, שטיקלעך לעדער, **עקשורים לאלע ראש**, פארוואס די אלע זאכן איז, א גם וואס איז אפשר דרך מלבוש, אדער איז א תכשיט וואס מען וואלט ווען געמעגט אלץ תכשיט, אבער אויף דעם איז אויך דא א חשש, דאס איז עפעס נישט וואס מען טוט אויסצוווייזן פאר אבער די איז אן אנדערע סיבה פארוואס עס איז אסור עס צו גיין, ווייל ס'מאכט זיך אמאל אז מען טוט עס אויס, וואלי היות ומען לייגט עס אויף די האר, איז אויב האט מען א תווילת מצוה דארט מען זיך מאכן זיכער אז מען האט נישט קיין חציצה, דארט מען אויסטון די זאכן וואס איז צוגעטשעפעט צו די האר, איז שם בתכל לצות און בשעת תווילה האט מען מורא אז ער גייט עס אויסטוהן בשעת תווילה, ווי תבורים בשעת הרב ווער גייט עס ארום בשעת הרב.

**קשיא: ווי אפט קומט אויס אזא מעשה?**

**Speaker 2:** דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווי די אנדערע זאכן זענע זאכן וואס מאכט זיך, ווי אפט מאכט זיך א תווילה יעדע חודש, אז ס'זאל זיין פונקט פרייטאס צונאכטס, און און וועג נעמט מען עס אייביגע עשר? עס איז א ביסל אינטערעסאנט. סטש, מען טוט עס קיינמאל נישט אויס, נאר בשעת תווילה. בשעת תווילה איז מיט די חיבות דער באר. וואס איז די באר, אייל

ער איז דאך... און מען לעבן די מקוה. לעבן די מקוה איז עפעס פארשפארט און עפעס א פלאץ. און מ'האט דאך פון א נארמאלע שטאט, ווי די מקוה ז'עגץ אינמיטן מארק. די מקוה ז'לער נאר?

**Speaker 1:** אקעי, אקעי, וואס איז... חוץ פון דעם א טווילה אז דארף מען זיך טוב'ן די חסידה, אויב מען טאטשט עפעס א טאמיל'דיגע זאך ווילכער טוב'ן מען נישט פארקענען. אבער, ס'איז א מיינט למשל אז א מיידל וואס גייט נישט קיינמאל אין מקוה, אדער א פרוי וואס איז שוין א מיסלעקיג און זי קען נישט גיין אין מקוה? ס'איז נישט לייכט אזא זאך, ווייל ס'איז זייער א unique, ווי אפט קומט אויס... אקעי, אבער ס'איז זייער אן אינטערעסאנטע גזירה. ווייל מיר זענען נישט היינט happy מיט reality, די חכמים האבן נישט געהאט א בעסערע reality פאר אונז, מיר זענען נישט היינט אונזערע reality, סאו

**הלכות תכשיטים שאסור לצאת בהם בשבת (המשך)**

**המשך דיון: הגזירה על טראגן אויפ'ן וועג צו מקוה**

**Speaker 1:** וואס הייסט למשל אז א מיידל וואס גייט נישט קיינמאל אין מקוה, אדער א פרוי וואס איז שוין מסולקת דמים גייט נישט קיינמאל אין מקוה?

**Speaker 2:** וואס דו ווילסט. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל ס'איז זייער א unique. ווי אפט קומט אויס... אקעי. ס'איז אן אינטערעסאנטע גזירה.

אלעס איז מיין איך זענען happy מיט די reality. די חכמים האבן נישט געהאט א בעסערע reality פון אונז. דאס איז געווען אונזער reality. סאו יעדע זאך קענסטו פרעגן צו ישראל.

טוב, זאגסטו, נישט ווייל ס'איז עפעס וואס מ'טוט אמאל אויס. שמא תאכלנו זה לא משנה. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. ס'מאכט זיך כסדר. מ'מאכט כסדר אזעלכע זאכן. יעדע וואך, לאמיר זאגן אזוי, יעדע וואך גייען פינף הונדערט פרויען אין מקוה אין דעם שטעטל וואו דער רב האט געזאגט די גזירה. אקעי? סאו זאגסטו, נישט יעדע פרוי, וואס איז די זאך? אבער די פינף הונדערט פרויען גייען... דו מאכסט א מורא'דיגע הנחה אז די מקוה איז אונזער רשות הרבים, און די בעל שם טוב האט געזאגט אז מ'מאכט שוין א באר אין רשות הרבים.

ניין, די מקוה איז נישט... קודם כל, לאמיר זען וואס דא שטייט. ס'וועט נאר דעם בלייבן מיט עפעס אין די הענט פאר דעם אדער נאך דעם. קודם כל, לאמיר זען וואס דא שטייט. ס'שטייט נישט אז זי גייט עס אין די מקוה. זי גייט אין מקוה. ס'איז אויפ'ן וועג צו די מקוה. אמת, טוסטו דאס. דו זאגסט אז זי איז אין די בארד, רייט? זי גייט, און מ'טאר נישט אויסטון, מ'טוט נישט אן... אויפ'ן וועג אהין אדער אויפ'ן וועג צוריק. איך פארשטיי די זאך. זי טראגט עס מיט אויפ'ן וועג צו די מקוה אדער נאך די מקוה.

ס'איז א רשות הרבים. די מקוה איז אין א רשות הרבים. אקעי, ס'איז אן אינטערעסאנטע... ס'איז א ווייטערע גזירה. דו ביסט נישט געווען דארט. דו האלטסט אין איין זיין ברוגז ווייל דו וואוינסט דא אין א שיינע געגנט אין לעיקוואוד, און די life איז נישט פונקטליך די זעלבע ווי די life אין די ערד. דער רב האט געוואוינט העכער די מקוה, ער האט געזען. ער האט געזאגט, "ווייסטו וואס? מ'גייט נישט שבת די זאכן." דאס איז די מעשה שהיה. דו קענסט זען אלע אזעלכע סארט גזירות. דו קענסט זיך פארשטעלן אז ס'איז געשען, דו קענסט זאגן אז ס'איז סתם געווען, מ'האט געטראכט אז ס'גייט געשען. אבער דאס איז די reality. דו זאגסט אז דו זעסט נישט די reality. אפשר אמת, אפשר היינט איז די reality אנדערש. איך זאג נאר וואס די הלכה רעדט וועגן.

אונז טיילן זיך, יא. דא שטייט א חידוש, אז די גזירה פון אפשר גייסטו עס אויסטון איז נישט נאר עפעס וואס מאכט זיך לאמיר זאגן אין פראצענט, יא? לאמיר זאגן שמא תתיר חברי סעודה, מאכט זיך צווישן טויזנט מענטשן מאכט זיך עס צען מאל. דאס צווישן טויזנט מענטשן מאכט זיך עס איין מאל. לאמיר זאגן אפילו עס מאכט זיך צען מאל. יעדע פרוי גייט אין מקוה? איך ווייס, די איידיעס פון וואס איז מציאות איז נישט די זעלבע איידיעס פון דער רב וואס האט געמאכט די רבנות. איך בין אויך זייער גוט מיט דעם רב, איך אטאקיר אים נישט חס ושלום, און אונז האבן זייער גוטע געפילן. דער רב האט סייווי נישט לאנג געשריבן.

**הלכה ז: ציץ, לחיים של זהב, עטרה, כבלים**

אקעי, ווייטער. **ולא בציץ שמניחתו בין עיניו**, אזא סארט דזשולערי וואס מ'לייגט ענליך צו א ציץ בין עיניו. איך מיין אין די תימנ'ע קולטור, א תימנ'ע כלה טוט אן אזעלכע דזשולערי אויף די שטערן. איז עס אזא סארט דזשולערי וואס מ'לייגט ביי די אויגן, יא? **ולא ��לחיים של זהב שיורדין מן הציץ על לחייה**, פון די ציץ הענגט אראפ אויף די פנים גאלדענע שטיקלעך וואס זאל לאנדן אויף די... פון די ציץ, זיין ציץ איז א שם דבר פאר א דזשולערי וואס מ'לייגט אויף די שטערן, אזוויו די ציץ פון א כהן גדול, און פון דעם הענגט אראפ שטיקלעך גאלד אויף די באקן פון די פרוי. וואס מנשה אייזנפירער זאגט דא, אויב די לחיים של זהב זענען נישט גוט צוזאמגענייט, טאר מען נישט. ולא... אבער איך פארשטיי נישט, די לחיים של זהב, אפילו צו יאד פירן, איז די ציץ אבער טאר מען דאך נישט גיין. לאמיר זאגן אז עס איז אינקלודעד.

**ולא בעטרה של זהב שמניחתו בראשה**, א גאלדענע קרוין. איך מיין אין די משנה זאגט עס ירושלים של זהב, אדער עיר של זהב, יא, א קרוין של זהב שמניחתו בראשה. **ולא בכבלים שיוצאין בהן הבנות ברגליהן כדי שלא יפסעו פסיעה גסה**, מ'פלעגט לייגן אזעלכע הענדקאפס אויף די פיס כדי מ'זאל וואקן שטייט, אן אינטערעסאנטע זאך. **כל אלו אסורים לצאת בהן**, ווייל זיי זענען טאקע א תכשיט, אבער **שמא יפלו**, מ'האט מורא אז ס'וועט פאלן, **ותביאם בידה**, זי וועט עס ברענגען מיט די הענט.

**חידוש: דער חילוק צווישן שמא תתיר און שמא יפול**

איי גוט. ווייטער. נאך א סארט תכשיטים. ביי די זאכן איז כולי, קען זיין אז ס'איז אויך דא שמא תתיר, אבער ס'איז זיכער אפילו דא מער שמא יפול. איך ווייס נישט אויף וואס די חלק זאכן שטייט דא, די חלק זאכן שטייט דא. דאס וועלן מיר דארפן קוקן אין די גמרא צו פארשטיין די חילוק. ס'איז דאך דא זאכן וואס מ'טוט נישט אויס, ווייל ס'ליגט ממש אויף איר פנים. עפעס וואס איז אויף א פינגער, מ'ביינקט מיר נישט גייט זי אויסטון. דאס ליגט אויף די פנים, מ'האט נישט מורא אז זי גייט עס אויסטון צו ווייזן, מ'האט נאר מורא אז ס'קען אראפפאלן. אקעי, מ'וועט דארפן קוקן. ס'איז דא זאכן וואס זענען שינויים, איז מסכים, אקעי. מ'וועט דארפן צוגיין צו א שאלה.

**הלכה ז (המשך): קטלא, נזמי האף, צלוחית של פלייטון, כוחלת**

ווייטער, **ולא תצא אשה בקטלא שבעל צוארה**, מיט א סארט קייטל, ווארט קייטל, קטלא איז קייטל. **ולא בנזמי האף**, נישט מיט קיין נאז רינגלעך. **ולא בצלוחית של פלייטון הקבועה על זרועה**, אויך נישט מיט א קליינע באטל פון פערפיום וואס שמעקט גוט, וואס איז קבועה על זרועה, דאס הייסט אז מ'בינדעט עס ארויף אויף די האנט. **ולא בכיס אגוד או קטן או עגול שמניחין בו שמן הטוב והוא נקרא כוחלת**, דאס איז אן אנדערע סארט וועג פון טראגן פערפיום. ס'איז דא א באטל, און ס'איז דא אויף א קליינע לעדערנע כיס וואס מ'לייגט אויף דעם שמן הטוב.

**קושיא: פארוואס קיין שיעור הוצאה?**

א מינוט, די שמן הטוב האבן מיר דאך נעכטן געלערנט האט א שיעור הוצאה, א קליין ביסל שמן. מ'רעדט דא אפילו די כיס אן די שמן? ניין, דא רעדט מען נישט פון די שיעור הוצאה, דאס איז דאך אן איסור מדרבנן. ס'וואלט געווען מותר ווייל ס'איז א תכשיט, אפילו די שמן מעגן ווייל ס'איז א תכשיט. ניין, די שמן ווערט בטל צו די תכשיט, ס'איז א תכשיט ווייל ס'איז געמאכט ס'זאל שמעקן אדער וואטעווער.

**הלכה ז (המשך): פאה נכרית, גויל, שן**

**ולא בפאה של שער שמנחתה על ראשה כדי שתראה בעלת שער הרבה.** ס'איז געווען אמאל אזא אינוועגשאן אז מ'נעמט האר פון אן אנדערע פרוי און מ'מאכט עס שיין, און מ'טוט עס אן אויף די קאפ כדי, אונטער דעם האט מען

אייגענע האר, אבער ס'זאל אויסקוקן ווי זי האט אסאך האר, יא. **ולא בגויל של צמר שמכבשת אותו סביב לפניה**, און נישט מיט עפעס אזא, וואס טייטשט די ווארט גויל? ס'איז דא א טייטש פאר דעם? א רצועה. א שטיקל, יא, א רצועה, א שטיקל צמר וואס זי לייגט ארום. שאלה אדער וואס? **ולא בשן שמנחת בפיה במקום שן שנפל**, א פאלשע ציין וואס מ'לייגט אריין אויפ'ן פלאץ פון אן עכטע ציין. מ'זעט אויך באופן, נישט אזוי ווי היינט וואס מ'איז מקבע די ציין. מ'רעדט פון עפעס וואס מ'קען אריינלייגן און ארויסנעמען. **ולא בשן של זהב שמנחת על שן שחור או אדום שיש בשניה**, זי האט א ציין נעבעך וואס איז געווארן שווארץ אדער ס'איז געווארן רויט, און אויף דעם דעקט זי עס צו מיט א גאלדענע קראון, טאר מען אויך נישט. **אבל, שן של כסף איז יא מותר, לפי שאינו ניכר.** שן של כסף איז בטל, אז מ'זעט עס נישט אזוי אביעס אין די מויל.

די אלע, **כל אלו אסור לצאת בהן**, פארוואס? **שמא תתלוש ותראה לחברותיה**, עפעס וואס זי קען יא אפשר אראפנעמען און ווייזן פאר אירע חברות.

#### חידוש גדול: די פאה נכרית איז נישט אונזערע שייטלעך

די אינטערעסאנטע זאך וואס ער זאגט, די מאדנע זאך, וואס מ'לייגט עפעס אנדערע מענטש'ס האר, אז ס'זאל אויסזען בעלת שער, וואס מ'רופט אויף אידיש א פאה נכרית אדער א שייטל. און פון דא איז געווען זייער א פעימעס תשובה, פון דא זעט מען אז מ'מעג גיין א שייטל. פארקערט, ער זאגט אז מ'זעט נישט, און דער בעל התשובה זאגט אז מ'זעט יא.

אבער איך פארשטיי, איך, נישט נאר איך, די אנדערע צדיקים פאר מיר האבן פארשטאנען וואס קומט פאר. איך פרעג זייער, דא זעט מען קלאר אז די שייטל וואס מ'רעדט זעט מען נישט. ס'איז נישט אזוי ווי אונזערע שייטלעך וואס מ'זעט אויפ'ן קאפ, דארפסט עס אויסטון כדי דיינע חברות זאלן זען, העלא, איך גיי א שייטל. מ'רעדט פון עפעס א זאך וואס מ'לייגט אונטער די וואטעווער טיכל וואטעווער א פרוי גייט. נאר, א טיכל גייט מען דאך אויפ'ן האר, נישט אזוי ווי אונז, איך מיין די אונגארישע פרויען וואס שניידן זיך אפ די האר. מ'גייט דאך א טיכל אויפ'ן האר. סאו ווען מ'גייט א טיכל קען מען אויך זען וויפיל האר מ'האט. ס'איז נישט פשט אז מ'גייט א טיכל, איז כולי עלמא האט נישט קיין האר. אז א טיכל ווייזט אויך די האר. סאו איינער וואס האט נישט גענוג האר, האט זי אונטערגעלייגט אונטער די טיכל פעיק האר. און יענע שיינע שטיקל פעיק האר קען זי ארויסנעמען פון די טיכל און ווייזן. ווייל אויב נישט מאכט עס שוין נישט קיין סענס, וואס, זי גייט עס אויסטון און זי גייט גיין אן א שייטל אין רשות הרבים? ס'קען דאך נישט זיין. אבער זי האט דאך אונטער דעם האר, זי האט נישט קיין פראבלעם עס אויסצוטון. און רשות הרבים רעדט מען דאך דא.

#### קעגן דעם ארגומענט אז שייטל איז מותר ווייל מ'פירט זיך נישט עס אויסצוטון

און די זעלבע רבנים וואס זאגן אז פון דא זעט מען אז מ'מעג גיין א שייטל, זאגן נאך אז מ'מעג עס גיין שבת, אמת, ווייל מ'פירט זיך נישט עס אויסצוטון. פארשטייסט ווי די קראפט שוין... לאמיר נישט אריינגיין אין דעם, ווייל איך בין א צאנז'ער אייניקל און מ'איז מחמיר אויף שייטלעך, אבער גראדע פון דא זעט אויס ווי... מ'זעט נישט אז ס'איז א מנהג. איך זע נישט וויאזוי ס'איז א מנהג, און איך פארשטיי דעם חשבון אז ס'איז אן איסור פון הלכות שבת, ס'איז נישט קיין איסור פון הלכות צניעות.

אמת, אבער צו זאגן אז זי קען נישט זיין אז זי זאל עס אויסטון וועגן צניעות איז נאך ווייטער די שאלה צו מ'נוצט אזא מין ארגומענט דא. די אלע זאכן זענען נישט קיין ענין פון צניעות, מ'האט נישט געזאגט אז ס'איז א פראבלעם פון צניעות. ס'איז נישט קיין ענין פון צניעות אז א פרוי זאל שטיין אין גאס און זיך אויסטון אירע תכשיטים, ס'איז נישט קיין פראבלעם פון צניעות.

פיין, די שאלה איז צו מ'האט געמיינט עפעס א קייטל וואס איז... איך האב געזאגט, די זאכן וואס איז מער ווי א תכשיט, ס'איז עפעס וואס זי טוט אן. דאך, ס'איז געשטאנען מפורש אז צדודו, דער רמב"ם האט עס נישט געזאגט קלאר, אבער מ'זעט די מפרשים האבן געטייטשט אז צדודו, וואס מ'האט געזאגט אז א שוקא, די ריזן פארוואס מ'טוט עס נישט אויס איז ווייל כדי עס אויסצוטון דארף מען זיך אויפדעקן, סאו מ'גייט עס נישט אויסטון, און ס'ליגט פון אונטן די קליידער, ס'איז געמאכט פאר איר אליינס. אבער מ'זעט יא אז ס'איז דא זאכן וואס פאלט נישט אין די דרך פון משום צניעות. איך זע נישט וויאזוי ס'קען זיין דעת בעל הבית, ס'קען נישט זיין אזא מין חוקה אז א שייטל איז א וועג פון צניעות, דעתי נוטה פשוט אז נישט. ס'מיינט נישט אז מיין ווייב גייט נישט קיין שייטל, איך זאג נאר וואס די הלכה איז. נישט יעדע זאך וואס אונז זאגן פאלגן די ווייבער, פארשטייסט? ס'איז ווי דער רב האט אמאל געזאגט, זיי זאגן אז ס'איז נישט קיין תכשיטים. עניוועיס, יא, זייער גוט.

#### הלכה ח: כלל — אסור אפילו בחצר שאינה מעורבת, חוץ מכבול ופאה

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **כל שאסרו חכמים לצאת בו לרשות הרבים**, אלעס וואס די חכמים האבן גע'אסר'ט ארויסצוגיין לרשות הרבים, איז דער איסור נישט נאר רשות הרבים, נאר דער איסור גייט אויך אויף זאכן וואס נאר מדרבנן טאר מען נישט דארטן טראגן. **אסור לצאת בו אפילו בחצר שאינה מעורבת**, מ'טאר זיכער נישט אין א כרמלית, אבער אפילו נישט אין א חצר וואס האט נישט קיין עירוב, וואס איז נאך ווייניגער חמור. **חוץ מכבלי פאה של שער**, די צוויי זאכן וואס מ'האט אויסגערעכנט, די ארום די פנים כבול של צמר אדער די פאה של שער, די פאה נכרית, **שמותר לצאת בהן לחצר**, מעג מען יא ארויסגיין מיט דעם לחצר, **כדי שלא תתגנה על בעלה.** די ביידע זאכן זעט אויס ס'איז וויכטיגער ווי אנדערע תכשיטים, ס'מאכט איר אויסקוקן גוט, מער אזוי בעיסיק מענטשלעך, **כדי שלא תתגנה על בעלה** האט מען מתיר געווען צו גיין אין א חצר. אפילו א חצר וואס האט שוין איינער מער ערלויבט.

זייער גוט.

#### ראיה: פאה נכרית איז אונטער דעם טיכל

סאו זעסטו יא אז ס'איז נישט עפעס אונטער די טיכל וואס ס'זאל אויסקוקן אז זי האט מער האר, ווייל דו זעסט אז אן דעם איז עס גנאי לבעלה.

זייער גוט, ווייל א פרוי אן האר זעט אויס משונה'דיג אייקלדיג. יא, אבער דו זאגסט אז זי האט עניוועי א טיכל.

יעדע מאל מ'גייט מיט א טיכל זעט מען צו מ'גייט אדער נישט. א טיכל איז נישט קיין זאך וואס באהאלט צו די פרוי האט האר. דו ביסט צוגעוואוינט צו פרויען וואס גייען שפיצל אז זיי האבן נישט קיין האר אונטער דעם, ס'איז נישט קיין ראיה.

#### הלכות שבת: תכשיטין ודברים שיוצאין בהן

#### צלוחית של פלייטון

**Speaker 1:** והיוצא בצלוחית של פלייטון אין בה ממש כלל. אויב גייט מען מיט א ליידיגע באטל פון פארפום, איז עס נישט קיין תכשיט מער. ס'איז א סתם געטראגענע באטל. ס'איז א חוב פון די באטל. אינטערעסאנט.

**Speaker 2:** אקעי.

**Speaker 1:** יא.

#### חוטי שער (שייטלען / פאה נכרית)

**Speaker 1:** גייען מיר ווייטער. זאגט די גמרא ווייטער, **"יוצאה אשה בחוטי שער בין שלה בין של חברתה"**. פריער האבן מיר געלערנט וועגן חוטין פון צמר, פשתן, אבער חוטי שער וואס מען בינדט ארויף אויף די קאפ, מעג מען יא גיין. וואס איז דאס? אויך עפעס א סארט פאה נכרית אזא, יא? אבער ס'איז חוטין פון פאה נכרית.

**Speaker 2:** זייער גוט.

**Speaker 1:** פרעג איך דיר, איז דאס א ראיה אז די חוטי שער מעג מען גיין אן צו דעקן? א חתונה געהאטע פרוי? ווייל ס'שטייט דאך אז "יוצאה בחוטי שער".

**Speaker 2:** אקעי, אונז לערנען דא הלכות שבת, לאמיר זען.

#### הטעם: אין בהן משום חציצה

**Speaker 1:** **"מאי טעמא? אין בהן משום חציצה"**. די פריערדיגע, די סיבה פארוואס מ'האט געזאגט מ'טאר נישט גיין מיט חוטין, איז ווייל מ'דארף עס אויסטון פאר מ'גייט אין מקוה, איז דא א חשש צו טראגן. אבער די חוטי שער איז נישט חוצץ. דו זעסט אז די וועג וויאזוי מ'בינדט עס ארויף אויף די אנדערע שער, פאר סאם ריזען איז עס נישט קיין חציצה. ס'לאזט דאך דורך וואסער. די וואסער גייט דורך. אויב איינער חוצץ אים, ממילא איינער חוצץ אים גייט ער עס נישט אויסטון ממילא לא אתי... עד שנגזור אנו גזירה שמא תוציאנו בשבת.

**Speaker 2:** זייער גוט.

**Speaker 1:** האלט אונז נישט אויס.

**בין שלה בין של חברתה או של בהמה**

**Speaker 1:** זאגט די גמרא, "בחוטי שער, בין שלה בין של חברתה", סיי ס'איז איר אייגענע האר וואס מ'האט אפגעשניטן און ארויפגעלייגט, אדער של חברתה או של בהמה. ס'איז אדער א צווייטע פרוי אדער פון א בהמה, יא. נישט קיין חילוק וועלכע סארט חוטין.

**חילוק צווישן זקנה און ילדה**

**Speaker 1:** זאגט די גמרא, אבער אויב איז עס א שיינע שייטל, די חוטי שער איז זייער שיין און ס'מאכט איר אויסקוקן יונג, זקנה, אן אלטע פרוי, האט באקומען עפעס שיינע נייע יונגע האר. דאס טוט זי נישט, ווייל דאס איז שבח לה, דאס מאכט איר אויסקוקן, ס'איז ווי משביח, ס'ברענגט ארויף איר וועליו, איז יא עפעס וואס זי איז פראוד, ושמא תראה לחברתה. זי וועט יא וועלן, "זעסט, האסט געזען וואספארא שיינע נייע שייטל פון מחנה גנדל?"

אבער ילדה יוצאת בחוטי הזקנה, אבער א יונגע פרוי, דאס איז נישט, ס'מאכט איר נישט שענער אויסקוקן מיט די אלטע פרוי'ס שערות, ממילא מעג זי. ממילא מעג זי, יא. ביי אים זאגט ער נישט אז ס'איז א שוואכע רבינו מאיר. זיכער נישט, ס'איז עפעס א הילף, עפעס א ריזן גוטס, אבער ס'איז נישט אזוי שיין אז זי זאל עס ווייזן פאר די חבר'טעס.

**כל שהיא ארוג**

**Speaker 1:** בכל שהיא ארוג יוצאה בו על ראשה. יעדע זאך וואס איז ארוג, וואס איז גענייט, מעג זי גיין אויפ'ן קאפ, ווייל לכאורה ווייטער וועגן ס'איז נישט חוצץ. ארוג מיינט אז ס'איז א זאך וואס איז לעכערדיג, ס'איז נרר, ממילא ס'איז א לעכערדיגע זאך און ס'איז נישטא קיין חציצה, מעג זי ארויסגיין דערמיט. און ס'איז אויך נישטא די חשש אז זי גייט עס ווייזן אדער עפעס, יא.

**חוטין שבצווארה**

**Speaker 1:** שמאלטער, נאך הלכות פון וואס מעגן, וועלכע דזשולערי מעגן. ווייטער, **יוצאת אשה בחוטין שבצווארה.** א פרוי מעג ארויסגיין מיט חוטין וואס מען לייגט אויף די האלדז, **ובלבד שלא תהא עונבתן כעניבת עצמה בהן**, ווייל זי לייגט עס נישט טייט, זי לייגט עס לויז, ממילא איז עס אינו חוצץ און זי גייט עס נישט אויסטון פאר די מקוה. ומותרות, אבער אויב איז עס יא געפארבט און ס'איז שיינע חוטין, איז אסורין שמא תראה לחברתה. די זעלבע זאך.

**כליל של זהב**

**Speaker 1:** **יוצאת אשה בכליל של זהב בראשה.** מיר האבן געלערנט פריער וועגן עטרה של זהב, איז דא עפעס אנדערש וואס הייסט א כליל של זהב. "כליל תפארת בראשה נתת לה", ס'איז נאך א שענערע, ס'איז שענער ווי אן עטרה. איך ווייס נישט קלאר וואס איז די חילוק.

**Speaker 2:** אקעי.

**דעת הרמב"ם: כליל — נאר פאר אשה חשובה**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם אז כליל של זהב איז מער חשוב, **שאין יוצאה בו אלא אשה חשובה, שאין דרכה להחליף ולהראות.** די כליל של זהב טראגן נאר די חשוב'ע רעבעצינס גייען עס, ס'איז מער אזא קאלפיק, איך ווייס נישט, און אזא אשה חשובה גייט עס נישט אויסטון און ווייזן.

נישט קלאר, וואס איז די חילוק פון דעם און די עטרה של זהב? דער רשב"א ווייסט נישט קלאר, ממילא פרעגט ער א קשיא, ער מאכט חילוקים, דארף בירור.

**Speaker 2:** אקעי.

**דיון: וואס איז דער חילוק צווישן כליל און עטרה?**

**Speaker 1:** ויוצאת... איך ווייס אויך נישט די טייטש, אזוויי כליל איז, מיינט ער עטרה איז ממש די זעלבע זאך? איך ווייס נישט.

די זעלבע אידיע, עס איז א זאך וואס נאר אנשים חשובות מאוד גייען. ער זאגט אז עטרה איז טאקע אמת נאר אנשים חשובות, אבער ס'איז אזוי חשוב אז דאס גייט אפילו די רביצין ווייזן. א כליל איז עפעס אינמיטן.

**Speaker 2:** אקעי, אויב דו מאכסט אין חפץ אזא פשט, קענסטו מאכן אזא פשט. ביסט מסתמא גערעכט, ס'איז נישט מורא'דיג שווער.

**ציץ ולחיים**

**Speaker 1:** ויוצאת בציץ, דער ציץ איז די דזשולערי וואס מ'לייגט אויף די שטערן. מ'האט דאך גערעדט אז מ'טאר נישט וואס קען אראפפאלן.

**תנאי: שיהיה קשור בסבכה**

**Speaker 1:** זאגט די גמרא, **"במה דברים אמורים? בשל זהב, ובשטיכלא שאינו קשור בהן, אבל אם הוא של כסף, או בשטיכלא שהוא קשור בהן, יוצאת בו"**. דאס הייסט, אז די שטיקלעך וואס קומען אראפ דערפון, אויב דאס איז געמאכט פון גאלד, וואס מ'איז מחשיב, תבירין שעל ראשה, ווען ס'איז צאמגעבינדן מיט די סבכה — וואס סבכה האבן מיר נעכטן געלערנט אויך אין די שיעור, אז דאס איז א קליין היטל אויף די קאפ — ווען ס'איז צוגעבינדן צו די היטל אויף די קאפ כדי שלא יפול, ס'איז צאמגעבינדן אז ס'זאל נישט אראפפאלן, דעמאלטס איז נישטא די חשש, מעג מען יוצא זיין.

**"וכן כל כיוצא בהן"**, אזוי אויך עפעס וואס איז שטארק צוגענייט און ס'גייט נישט אראפפאלן מעג מען.

**חידוש: צוויי סארט חששות**

**Speaker 1:** אויב די חשש איז נאר שמא תפול, אויב די חשש איז אז זי וועט עס ווייזן, דעמאלטס נישט. אבער אויב די חשש איז נאר שמא תפול, און עפעס איז גוט צוגעבינדן, איז דא א היתר.

**מוך שבאזנה, שבסנדלה, ושהכינה לנדתה**

**Speaker 1:** **"יוצאת אשה במוך שבאזנה"**, אז זי האט וואטע פאר איר אויער, וואס דאס איז נישט א תכשיט, דאס איז מער פאר א... סתם א ציה באבע, אדער איך ווייס נישט וואס.

**Speaker 2:** אקעי.

**Speaker 1:** אבער די ראשונים זעען אויס דיווארט איז, אז דאס הייסט דרך מלבוש, "ושהוא קשור באזנה", ווען ס'איז ארויפגעלייגט גוט, ס'גייט נישט אראפפאלן.

**"ובמוך שבסנדלה"**, אויך צו מאכן ווייך, ס'זאל זיין גרינגער צו וואקן, אבער אויך איז "ושהוא קשור בסנדלה", ס'איז א חלק פון די שיך, ס'איז א חלק פון די מלבוש.

**"ובמוך שהכינה לנדתה"**, א פעד וואס מ'גייט לנדתה, **"אף על פי שאינו קשור"**, ס'איז נישט צוגעבינדן, **"ואף על פי שיש לו בית יד"**, אפילו ס'איז עפעס וואס האט א שטיקל וואו מ'קען עס אויך כאפן עס ארויסצונעמען, מעג מען גיין דערמיט.

פארוואס? אם לאו, על אינו מאוס, טאקע, מעג מען גיין מיט דעם, לכאורה ווייל ס'איז דרך מלבוש. ס'ליגט אויף די וועש, ס'ליגט צוגעליגט דארט. און די חשש וואלט געווען אז ס'וועט אראפפאלן, זאגט מען אז איינער וואס איז מאוס, איז עפעס וואס דו גייסט נישט טאטשן ווייל ס'איז מאוס.

**חידוש: דריי קאטעגאריעס פון מותר'ע זאכן**

**Speaker 1:** אבער מ'מוז זאגן אז דאס פאר זיך איז דרך מלבוש. אויב ס'באלאנגט אויף די גוף... ס'איז א צורך הגוף, הייסט יעדע זאך וואס באלאנגט אויף די גוף איז אזוי ווי א מלבוש. ס'איז א נייע סארט תכשיט. איך מיין אז ס'איז דא אזא זאך, תכשיט כמלבוש. ס'איז די זעלבע וועג, ס'איז לנוי.

דאס איז די ריזן. ס'איז דא א זאך, ס'איז דא דריי סארט קאטעגאריעס, אזוי זעט אויס פון אונטן. ס'איז דא א סארט קאטעגאריע א זאך וואס איז משמש די גוף, ס'איז לצורך הגוף, איז אויך מותר. מותר איז א נייע היתר, אדער ס'איז א גדר אזוי ווי א מלבוש? אזוי ווי א תכשיט, יא. די זעלבע איידיע, אבער ס'איז נישט קיין תכשיט און נישט קיין מלבוש. ס'איז א דריטע סארט זאך וואס איז בכלל די סארט ענליכע זאכן.

**פיפול וגרגר מלח**

**Speaker 1:** ויוצאות, אה, די נעקסטע זאך איז אויך, דארף מען פארשטיין אז ס'איז ענליך צו א תכשיט. **ויוצאות בפיפול ובגרגר מלח, וכל דבר שנותנין לתוך פיהם לריח הפה.** א פרוי, זי האט אמאל, אקעי, אן אריינגיין אין סאציאלאגישע הסברים, אבער ס'איז דא א זאך ווי אריינלייגן אין מויל פעפער אדער זאלץ אדער עפעס וואס זאל נייטראליזירן די ריח הפה, מעג מען גיין דערמיט.

**אבל לא תתננו לכתחילה בשבת.** זי זאל עס נישט אריינלייגן אין מויל, זי האט עס געהאט אריינגעלייגט אין מויל פאר א לאנגע צייט, זאל זי עס נישט אריינלייגן אין מויל אויף שבת. דאס איז וועגן ס'איז דא א גזירה פון רפואה. מ'טאר נישט מאכן קיין רפואה אויף שבת, וואס מיר גייען לערנען שפעטער. אז אויב מ'לייגט עס לכתחילה בשבת, הייסט עס א שטיקל רפואה. מיט שחיקת סממנים, סממנים טוט מען נישט, אבער טראגן מעג מען.

**קיסמין, רעלא, גלעקלעך, וויברורין דפרווה**

**Speaker 1:** **ויוצאות הנשים בקיסמין שבאזניהן,** אזא שטיקל האלץ אין די אויער, וואס איז אן אויערינגל אזא. **ברעלא שבצווארה או שבכסותה.** די א שאל, רעלא איז א שאל? ניין, רעלא זאגט די רעלאות פנינים. ס'איז נישט א שאל, א בגד איז זיכער מותר. דאס איז עפעס שטיקלעך וואס מ'לייגט דערויף אויף די בגד. **גלעקלעך שבצווארה או שבכסותה. וויברורין דפרווה,** דאס איז א בגד וואס מ'מאכט צו מיט עפעס א שטיין, עפעס אזא זאך.

**Speaker 2:** אה, אזא זיפער אזא.

**Speaker 1:** יא.

**פורפת כתחילה בשבת**

**Speaker 1:** זאגט ער, **פורפת כתחילה בשבת על האבן ועל האגוז ויוצאה.** זי מעג אויך, כתחילה מיינט אזוי ווי די ערשטע מאל, אדער עס מיינט לכתחילה? די ערשטע מאל. זעהט מען ארויס אזוי ווי א זיפער, אז מ'נעמט עפעס א שטיין און מיט דעם מאכט מען צו. אן א זיפער ווייס איך נישט, אבער עפעס אזא סארט אופן וויאזוי מ'מאכט צו מיט א שטיין. מעג מען טון כתחילה בשבת על האבן ועל האגוז ויוצאה.

אבער, אויב זי וויל האבן די ניסל, טאר זי נישט יעצט מאכן א פאטענט און ארויפבינדן די ניסל כאילו אז זי טוט עס פאר די מלבוש, כדי להציל לבנה הקטן זאלן נאכדעם האבן די ניסל פאר איר זון, דאס טאר זי נישט. **ובלבד שלא תתפור על המלבוש לכתחילה.** זי זאל נישט נוצן א מטבע פון... פארשטייסט, א מטבע פון די פריפה, וואטעווער ס'איז, וואס איז אסור לטלטלה, און מטבע איז דאך א קדושת מלאכה צו לעסן, ס'איז מוקצה.

**ואם פרפה,** איז יא יוצא, מ'מעג זי ארויסגיין דערמיט, אפשר איז עס מבטל געוואן מיט דעם, אדער וואס, בדיעבד מעג מען.

**דיון: איסור להרים ד' אמות**

**Speaker 2:** דא איז לכאורה די איסור להרים איז די איסור פון יענע קיסם וואס איך האב גערעדט וועגן פריער. ס'איז געהעריג ארבע אמות.

**Speaker 1:** ארבע אמות, יא. אפשר איז עס אנדערש ווייל ס'איז נישט צוגענייט, וואטעווער, מ'קען מאכן חילוקים.

**Speaker 2:** יא. זייער גוט.

**קיסם שבשיניו ובסנדלו**

**Speaker 1:** ווייטער. **יוצא אדם בקיסם שבשיניו ובסנדלו,** א שטיקל האלץ וואס מ'לייגט אויף די ציין אדער אויף די שיך אין רשות הרבים, מ'האט נישט מורא אז ס'גייט אראפפאלן. **ואם נפל,** פארשטייט זיך, **לא יחזיר.** איז דא א נייע חשש, נישט וועגן שמא יטול ויעבירנו ד' אמות ברשות הרבים, נאר ווייל ער גייט אראפקראצן אן אנדערע שטיקל קיסם פון א בוים.

**כלל: דברים שהם קצת רפואה**

**Speaker 1:** סאו דאס איז לכאורה אזוי אין הלכה רווחת. די אלע זאכן זענען א רפואה אדער עפעס א קצת רפואה, סאו מ'טאר נישט לייגן לכתחילה שבת. ער טאר עס טראגן, ווי לאנג ס'איז משמש פאר דער מענטש וואס טאר עס טראגן. אבער לייגן לכתחילה טאר מען נישט, אזוי מיין איך.

**הלכות שבת פרק יט — מוך וספוג על המכה, סגולות ורפואות, תכשיטים ומלבושים**

**מוך וספוג על גבי המכה**

**Speaker:** נאר פארוואס? ווייל ער גייט אראפקראצן אן אנדערע שטיקל קיסם פון א בוים. סאו דאס איז לכאורה אזוי ענליך צו רפואה. די אלע זאכן זענען א רפואה אדער עפעס א קצת רפואה, סאו מען טאר נישט לייגן לכתחילה שבת. דו טארסט עס טראגן ווי לאנג ס'איז משמש פאר דער מענטש וואס דארף עס טראגן, אבער לייגן לכתחילה טאר מען נישט.

אזוי מיינען זיי נישט. ניין, ער זאגט אפשר שמא יעשה קיסם, יא? איז די זעלבע זאך, אפילו וואס עס איז אזוי, איז די זעלבע איידיע פון די רפואה, אפילו ס'איז נישט קיין סממנים. ניין, די מאכן א קיסם איז א מלאכה וואס אונז האבן געלערנט. אראפפאקן א שטיקל פון א האלץ צו מאכן א קיסם איז... דאס טאר מען זיכער נישט. אפילו ער לייגט צוריק די זעלבע, רייט? ניין, נאר די חשש איז שמא יעשה קיסם.

אקעי, **"במוך ובספוג שעל גבי המכה".** מען מעג אויך ארויסגיין מיט מוך, אבער ספוג, א גאז פעד, וואטעווער, א שטיקל קאטן על המכה. **ובלבד שלא יקשר עליהם חוט ומשיחה, שהרי חוט ומשיחה חשובים אצלו.** די חוט ומשיחה זענען דאך חשוב, ס'איז נישט עפעס וואס ער גייט נאכדעם אוועקווארפן מיט די מוך, ס'איז עפעס וואס ער גייט נאכדעם אוועקלייגן. **ואינם בטלים למכה.** זיי זענען נישט א חלק פון די... דאס וואס ליגט אויף די מכה איז אזוי ווי בטל צו די גוף, אדער אזוי ווי א מלבוש, איז אקעי. אבער דא לייגט ער עפעס אן עקסטרע זאך וואס זאל ליגן לעבן דעם, טוען מיר נישט.

**ויוצא בקליפת השום ובקליפת הבצל שעל המכה.** אן אנדערע וועג וויאזוי מען קען האבן א בענד-עיד איז מען לייגט א דינע שאלעכטס פון שום, וואס האט דאך א דינע שאלעכטס. דאס הייסט אויך, ס'איז נישט קיין חילוק צו א מוך, צו א ספוג, צו אן אנדערע וועג וויאזוי מען טוט עס. **וכל דבר שעל גבי המכה,** עפעס א חפץ וואס מען בינדט ארום אויף די מכה, **פותח וקושר ומותר בשבת.** מען מעג עפענען און צומאכן די זאך וואס מען האט געבונדן אלס א גאז פעד, אלס א בענד-עיד, מעג מען בינדן אין שבת. פארשטייט זיך, ס'דארף זיין לכאורה א קשר שאינו של קיימא וכדומה.

**בענד-עידס מיט מעדיצין**

אבער ס'איז דא בענד-עידס וואס קומען מיט מעדיצין אין זיך, יא? איך געדענק, ס'איז פלונים מלוכלכים ברטיה, וואס האט אויף זיך אויף בענד-עידס וואס האט א כח מרפא, א גריז וואס היילט. מעג מען אויך די אלע זאכן, ווייל עפעס וואס מען לייגט אויף די מכה...אממממם... איז א לאנגע ליסט פון זאכן וואס מ'טוט פאר א רפואה, וואס ממילא מעג מען גיין מיט דעם.

אבער איך וויל פארשטיין, ממילא הייסט עס אזויווי א תכשיט? אדער ממילא הייסט עס אן וואס? אדער הייסט עס אזויווי א מלבוש?

**סגולות ורפואות — סלע של גבע צנוע, ביצת החרגול, שן שועל, מסמר הצלוב**

שוין, ווייטער ברענגט ער נאך זאכן וואס מ'גייט פאר א רפואה. **"סלע של גבע צנוע"** — א שטיינדל וואס מ'לייגט אויף די בובו צנוע, ס'איז אפשר א לשון פאר א מין בובו, איך ווייס נישט, איך וויל נישט וויסן. און **"ביצת החרגול"** — צווישן די באבסקע רפואות וואס זיי האבן געהאט, וואס ווייס איך, אפשר איז עס געווען בעסער ווי אונזערע רפואות. א ביצה, אן איי פון א מין היישעריק וואס הייסט א חרגול. און **"שן שועל"** — א ציין פון א שועל, פון א פוקס. און **"במסמר הצלוב"** — א נאגל וואס... וואס טייטש "הצלוב"? "מסמר הצלוב" מיינט א מענטש וואס מ'האט געהאנגען, "מצולב" ווערן, מ'האט גע-"crucified". איז דאס אפשר א קריסטליכע זאך? איך ווייס נישט. ניין, **"כל דבר שתולין אותו משום רפואה"**, אקעי. אויב איינער האט א קאפווי, נעמט ער איינע פון די נעגלעך וואס מ'האט אריינגענאגלט א מענטש צו די קראס, און דאס איז א רפואה, אן אלטע סגולה.

**דער רמב"ם'ס כלל — רופאי אותו הזמן**

אבער **"כל דבר שתולין אותו משום רפואה"**, זאגט דער רמב"ם אין אן ענטפער, **"הוא שיהיו רופאי אותו הזמן אומרים"**, אז די דאקטוירים האלטן אז די "מסמר הצלוב" העלפט נישט, איז דאס סתם א שטות. אבער ווי לאנג די דאקטוירים זאגן אז ס'העלפט, הייסט עס א רפואה און מ'מעג עס ארויסטראגן בשבת. אינטערעסאנט, דער רמב"ם אליין איז דאך דער דאקטאר אין אונזער פאל, ער לייגט עס אראפ.

לאמיר געדענקען, דער רמב"ם ברענגט א ראיה פון דאס קאפיטל וואס שטייט אין די גמרא. מ'האט געפרעגט דעם רמב"ם, און דער רמב"ם אליין שרייבט אין מורה נבוכים וועגן דעם פראבלעם, און דער רמב"ם אליין נוצט דעם לשון אז די סגולות האט ער נישט געקענט פארדייען. ער האט נישט געדענקט וואס דער רמב"ם אליין זאגט. דער רמב"ם זאגט, ס'האט נישט צו טון צו איך וואס איך האלט. אויב אין יענע צייטן די מומחים האבן געהאלטן אז דאס איז א רפואה, נישט אז זיי האבן געהאלטן אז ס'איז א סגולה, אז דאס ברענגט אז די גאט, כוחות, וואס איז דאס, מרפא זיין. זיי האבן געהאלטן אז דאס איז א רפואה. איי, זיי האבן נישט געוואוסט פונקטליך וויאזוי ס'ארבעט, אבער זיי האבן געזען אז ס'ארבעט. אז ס'ארבעט, מעג מען. אויב היינט ווייסט מען אז ס'ארבעט נישט, טאר מען נישט. און נישט נאר מ'טאר נישט, קען עס זיין אפילו אן איסור, משום דרכי האמורי.

**אבן תקומה**

**"יוצאת אשה באבן תקומא"** — א סארט שטיין וואס איז דאך א סגולה פאר פרויען מעוברות. **במשקל אבן תקומה שנתכוונו ושקלו לרפואה**, אדער א שטיין וואס וועגט פונקטליך אזוי ווי די אבן תקומה, וואס מ'האט עס אפגעוואויגן און מ'האט געמאכט אזא סארט שטיין, הייסט אויך אן אבן תקומה. **ולא אשה עוברה בלבד אלא שאר הנשים**, אויך אנדערע פרויען מעגן גיין מיט די שטיין, פארוואס? ווייל זיי גייען **לשם נוי ותכשיט**, זיי גייען נישט אלס א סגולה אז זיי זאלן נישט מפיל זיין.

**דיסקוסיע: מעג מען ארויסטראגן פאר רפואה?**

זאלסטו מיר זאגן, אהא, הייסט אזוי, עפעס וואס מ'גייט פאר רפואה מעג מען? **ויוצאה בקמיע מומחה.** דאס איז נישט מוציא ברשות הרבים? מ'נעמט עס דאך אין די האנט, מוציא ברשות הרבים, מ'דארף האבן די סגולה, מ'דארף אלעמאל גיין מיט די סגולה. ניין, ווייל די סיבה וואס מ'גייט איז פאר רפואה.

אה, דו וועסט מיר זאגן, קוקט מען נישט צו די ספעציפישע פרוי דארף עס פאר רפואה? ניין, מ'קוקט יא. מ'קוקט יא, אבער יעדע פרוי איז בחשש שמא תתעבר. יעצט זי גייט ארויס אין גאס פאר פופצן מינוט, טוט מען נישט נעמען שמא תתעבר ותפיל? ניין, זי גייט עס א גאנצע צייט. זי לייגט עס אריין אין איר טאש אלס סגולה. **יוצאה בקמיע מומחה.** זי איז אלעמאל בחשש שמא תתעבר. דו קענסט נישט וויסן נישט די שבת און נישט די אנדערע צייט.

סאו, מ'מעג ארויסגיין אויך מיט א זרוע פון פסח וואס מ'לייגט אריין אין טאש פארן אויג? אויב ס'איז א סגולה בדוקה, יא.

**קמיע מומחה**

**ויוצאה בקמיע מומחה.** מ'מעג אויך ארויסגיין מיט א קמיע וואס א מומחה האט געשריבן, אדער וואס די קמיע איז א מומחה, די קמיע איז א פראפעסיאנאל קמיע. זאגט דער רמב"ם, וואו אזוי ווייסט מען אז א קמיע איז א מומחה? **שהיא שריפא שלשה בני אדם**, וואס האט געהיילט דריי מענטשן, **או שהיה אדם שריפא שלשה בני אדם בקמיע אחרים**, אדער דער מענטש — אין די גמרא ווערט עס גערופן אתמחי קמיע, די קמיע אליין איז א מומחה, אדער אתמחי גברא, דער מענטש וואס האט געשריבן די קמיע איז א מומחה. איז א קמיע מומחה איז אויך א רפואה, מעג מען עס גיין.

אבער **יוצאה בקמיע שאינו מומחה**, וואס האט נישט קיין רעקארד אז ס'איז א רפואה, איז לכתחילה טוט מען נישט גיין, ווייל ס'הייסט נישט קיין רפואה, איז **פטור**. פטור איז יא, מלאכה שאינה צריכה לגופה, מ'האט עס נישט געטראגן מיט די הענט, מ'האט עס געטראגן אויף די בגד, אדער וואטעווער די וועג איז וויאזוי ס'הייסט דרך מלבוש.

**תפילין בשבת**

פאר די זעלבע סיבה, **היוצא בתפילין**, דער רמב"ם לייגט עס נעבן אים, ווייל א תפילין איז א קמיע, יא? מיר האבן שוין געגאנגען די געדאנק. דער זעלבע אידיא. ווייל עס איז ענליך צו א קמיע. זאגט ער **פטור** אויך די זעלבע סיבה, ווייל מען טוט עס דרך מלבוש.

אה, גוט.

ווייטער, זאגט די משנה, **יוצאים בתפילין**. פארוואס? מ'גייט נישט תפילין וועגן ס'איז שבת, איז פטור, וואס איז אויך אסור? אה, יא. פטור מיינט, פטור איז טייטש פטור אבל אסור. רייט, רייט. איז שבת. ווייל לכאורה וואלט עס איז נישט ממש א מלבוש. אדער אפשר ווייל ס'איז שמא יפול, אדער אפילו נישט די סברא. ווייל מ'וועט זען באלד, מ'וועט רעדן וועגן תפילין בפירוש.

**מנעל יחידי — איינער מיט א מכה אויפן פוס**

**מי שיש ברגלו מכה**, איינער וואס האט א מכה אויף זיין פוס, מילא אויף יענע פוס וויל ער נישט אנטון א שיך, **יוצא בסנדל יחידי ברגלו הבריאה.** פארקערט, פארקערט. ער האט אויף זיין פוס א מכה, ס'איז אים שווער אנצוטון א שיך אויף יענע פוס, ס'איז געשוואלן, איך ווייס וואס. מעג ער גיין נאר איין שיך אויף די אנדערע פוס. **אבל מי שברגלו מכה לא יצא ביחידי**, ער זאל נישט ארויסגיין מיט איין שיך. ווייל ווען מ'גייט מיט איין שיך איז מוכח אז דו האסט א שיך, פארוואס גייסטו נאר איינס? ס'איז טייטש, ווען מ'גייט דאך שיך איז דאך זיכער א דרך מלבוש, אבער ווען מ'גייט עס נישט, דו הערסט די ווארט? ס'איז דא א חשש אז ס'וועט אראפפאלן, שלא יפול. אבער ער זאגט, מ'גייט אים באמערקן, ס'איז נישט באקוועם. ער וועט עס אויסטון דעם שיך און ס'וועט טראגן לכאורה. קיצור, מ'וועט זען, ער וועט ברענגען א ראיה, ער וועט עס זען אונטן.

**ולא יצא קטן במנעל גדול**, א קטן זאל נישט ארויסגיין מיט א גרויסע שיך, אויך פאר די זעלבע סיבה ווייל ס'וועט אראפפאלן און ער גייט עס טראגן. **אבל יוצא הוא בגדול**, א גרויסער העמד גייט נישט אראפפאלן.

**ולא תצא אשה במנעל רפוי**, א פרוי זאל נישט ארויסגיין מיט לויזע שיך. **ולא במנעל חדש, שלא יצא בשעת חימום**, אויך נישט מיט קיין נייע שיך וואס איז זייער הארט און טייט, אויך פאר די זעלבע סיבה, ווייל ס'וועט זיין אומבאקוועם, זי וועט עס אויסטון און טראגן קודם.

**הקיטע — קב שלו וקטמין**

ווייטער, **הקטע יוצא בקב שלו**, א מענטש וואס איז א מענטש וואס מ'האט אפגעהאקט זיין פוס, א מענטש וואס האט אן אמפיוטירטע פוס, טאר נישט

ארויסגיין מיט זיין... מ'מאכט עפעס א כלי, עפעס א זאך, א קב, א סארט וואס איז ווי עגליך צו א... וויאזוי הייסט דאס? מ'קען וואקן מיט דעם, א קראטשעס? א סארט ענליכע קראטשעס? אקעי. די זעלבע זאך, א קטמין שלו. איך מיין א קטמין איז קראטשעס. א קב איז מסתמא עפעס וואס מ'טוט אן, אדער ווי א פעיק פוס, א... וויאזוי הייסט די פוס וואס מ'טוט אן? ניין, קטומן איז עפעס א סארט שיך.

א סארט שיך, אקעי. און ס'האט נישט צו טון, צוויי אנדערע זאכן. א קטייער גייט נישט אויף זיין קאפ. פארוואס? ווייל ס'וועט אראפפאלן, ס'איז נישט קיין זאך וואס איז צוגעבינדן, ס'איז אן עקסטערע זאך, ממילא וועט ער עס נישט ברענגען. און קאלט נישט זיין לייץ. נאך א זאך, ס'איז עפעס א סארט שיך וואס איז נישט נארמאל אנצוטון, עפעס א פאני, איך ווייס נישט פונקטליך וואס. **"אלא יוצא בהן בשבת, ואין יוצא בהן בדרך המלבוש"**. אין יוצא'ס פטירה שטייט אז ס'איז נישט דרך המלבוש, אבער ס'הייסט דאך נישט געטראגן, ס'איז נישט קיין דרך הוצאה.

**דריטע קאטעגאריע – נישט דרך מלבוש**

די דריטע קאטעגאריע, לכאורה די אלע זענען אסור, וויבאלד ס'איז נישט קיין דרך מלבוש גייט מען עס טראגן, ס'וועט אראפפאלן, לכאורה דאס איז די רעזן. אדער איז דא פסקי הלכות'דיגע זאכן אין די רבנים אז א זאך וואס איז נאר קצת דרך מלבוש זאל מען נישט גיין. זיי זעט אפשר אויך דאס אין דעם פרק.

**אפיקוריין – בעל החטטין**

אקעי. **יוצאין באפיקוריין**. יא, וואס איז דאס? עפעס א זאך. **פשתן סרוק**. דאס איז פשוט, **על ראשו בעל החטטין**, מענטשן וואס האבן באבעס אויף זייער קאפ לייגן ארויף שטיקלעך סחורה אויף די קאפ. מעג מען גיין מיט דעם. אויך ווייל מ'גייט דרך רפואה. **אי מאי טעמא? משום שצבען וקשרן**. מ'האט געפעינט, די אפיקוריין איז א שטיקל פשתן אדער צמר וואס מ'האט געפעינט און מ'האט עס צוגעבינדן. **אם יוצא בהן בשבת**, יא, מ'גייט עס שוין, ס'איז שוין ניכר אז דאס איז געמאכט פאר די קאפ. **אבל אם לא יצא בהן מעולם**, ער האט גארנישט געטון, ער האט נישט געפעינט און צוגעבינדן, **אם לא יצא בהן קודם השבת, אסור לצאת בהן**, ווייל מ'האט נאך נישט קובע געווען אז דאס איז א דרך רפואה, א דרך מלבוש כביכול. דאס הייסט, אויב ער פעינט עס, ווערט עס א שטיקל, דאס איז זיין היט. ער גייט די היט ווייל ער האט א באבע, אבער דאס איז א סארט היט וואס ער גייט. אויב ס'איז נישט געפעינט, איז עס סתם א שטיקל וואטע אויף זיין קאפ. חוץ אויב ער איז שוין געגאנגען מיט דעם, אקעי, ער גייט שוין, ס'איז שוין געווארן זיין היט, ס'איז שוין געווארן זיין מלבוש.

**שק עבה, סגוס עבה, יריעה**

**י"ז. יא, יוצאין, מ'קען ארויסגיין בסק עבה**, א דיקע זאק, **ובסגוס עבה**, א דיקע, איך ווייס, א בלענקעט פון צמר. **יריעה בחמילה**, אדער א יריעה, שק איז פון שער, פון... פון... פריער פלעגט מען מאכן שק. סגויס וואס מען מאכט פון צמר. יריעה איז א בגד ארוג, אבער געוועבט.

**הלכות שבת – דיני מלבוש והוצאה (המשך)**

**הלכה י"ז – יוצאין בסק עבה, סגוס עבה, יריעה, וחמילה**

**רמב"ם: יוצאין בסק עבה, או בסגוס עבה, וביריעה, ובחמילה מפני הגשמים. אבל לא בתיבה, ולא בקופה, ולא במחצלת מפני הגשמים.**

אבער גיין מיט א סקארף איז נישטא וואס צו רעדן.

יוצאין בסק עבה, א דיקע סאק, או בסגוס עבה, א דיקע בלענקעט פון צמר, וביריעה, ובחמילה. סאק איז פון שער, פון האר פלעגט מען מאכן סאק. סגוס זאגט ער מאכט מען פון צמר. יריעה איז א בגד ארוג, אבער ארוג גס. און חמילה איז עפעס אן אנדערע מאטעריאל. קיצור, פארשידענע סארטן, היינו לכם שורים ומעילים, ס'איז אלע סארטן זאכן וואס מ'קען האלטן העכערן קאפ אין די רעגנס. העכערן קאפ, אדער זיך אנטון העכער די מלבושים. איך גלייב נישט האלטן העכערן קאפ אין די הענט, נאר אפשר זיך איינוויקלען דערין אזוויוו א טלית. מפני הגשמים.

**החילוק בין מלבוש לכלי – דרך מלבוש**

אבל לא בתיבה, מ'טאר נישט נעמען א קאסטן און עס לייגן העכערן קאפ, ולא בקופה, ולא במחצלת, מפני הגשמים, ווייל די אלע זאכן זענען נישט קיין מלבוש. מ'קען זיך אנטון עפעס וואס איז בגדר מלבוש. די אלע זאכן, סק עבה, אגב, ס'איז נישט קיין מלבוש, א סאק איז א זאק. אבער מ'קען, מ'טוט זיך אן אמאל א שק ואפר, ס'איז עפעס וואס מ'קען אנטון. אבער זאכן וואס מ'קען נישט אנטון, ס'איז נאר אזוויוו א שירעם, טאר מען נישט.

**Speaker 2:** וואס הייסט נישט קיין מלבוש? דו טראגסט עס.

**דיון: פלעסטיק אויפ'ן הוט שבת**

**Speaker 1:** הקר והכסת. א קישן אזא. מ'דארף טראכטן, ס'איז דאך א גרויסע מחלוקת הפוסקים צו מ'מעג לייגן א פלעסטיק אויפ'ן הוט שבת. ס'איז נישט דא א ריינע היתר. ס'איז תלוי אין די הלכה פון אויב ס'איז דרך מלבוש. אויב ס'איז אן ענין פון דרך מלבוש. ס'איז מער אזוויוו קופה, וואס איז נישט עפעס וואס מ'הילט זיך איין דערין.

**Speaker 2:** ניין, אבער א קופה איז א זאך וואס איז בכלל נישט קיין מין בגד, ס'איז א הארטע זאך. א פלעסטיק איז אויך נישט קיין מין בגד, נאר ווען ס'רעגנט גייט מען. אבער דו הילסט דיך איין דערמיט. עפעס וואס דו לייגסט אויף די הוט איז ממש נאר א פלעסטיקל. ס'איז אן אנדערע חקירה. אמת, לאו דווקא סאק. וויאזוי מעג מען בכלל א הוט גיין שבת ווען ס'איז דא א חשש פון טלטול? און "כסתות".

**הכר והכסת – רכים ודקים vs. קשים**

**רמב"ם: הכר והכסת – אם היו רכים ודקים כמו הבגדים, מותר להוציאן מונחין על ראשו בשבת דרך מלבוש. אם היו קשים – הרי הן כמשוי ואסורים.**

דער קליינער מיטל, קישן דאך, "אם היו רכים ודקים כמו הבגדים, מותר להוציאן מונחין על ראשו בשבת דרך מלבוש". לכאורה ווי א טלית מיינט ער. "מונחין על ראשו" מיינט ער צוזאמגעלייגט אויפ'ן קאפ? אדער עס מיינט צו זאגן "דרך מלבוש", ער לייגט עס, ער טוט עס אן? "מונחין על ראשו" מיינט ווי א טלית, אדער עס מיינט אז עס ליגט צוזאמגעלייגט אויפ'ן קאפ? ער זאגט "מונחין על ראשו", ער זאגט נישט "מעוטף בהם". "מונחין על ראשו" קען מיינען אזוויוו מען טראגט אויפ'ן קאפ. ער זאגט "דרך מלבוש".

אבער "אם היו קשים", און ס'איז עפעס וואס איז הארט, ס'איז נישט עפעס וואס מען קען זיך ארומהילן דערמיט, "הרי הן כמשוי ואסורים". איז עס אזוויוו א משא און אסור. מ'איז נישט חייב, זעט אויס. אסורים, נישט חייב. פארוואס? ווייל ס'איז דאך א שטיקל בגד, זעט אויס. פארוואס איז עס א שטיקל בגד? ס'איז דאך הארט. ווייל ער איז מלביש געווען, ער טוט עס אן, ס'איז אביסל הארט, אבער למעשה קען מען זיך נאך אנטון דערין. ער טוט עס אן, דער מענטש. ס'איז נאר אזא סארט מלבוש וואס נארמאל טוט מען נישט אן.

**דיון: פטור אבל אסור – תיבה וכיפה**

**Speaker 2:** סאו די עב אלובת טייבע איז אויך לכאורה מיט רבנן דא, ווייל ער זאגט נישט חייב, ער זאגט פטור. רייט? פארוואס איז די פשט? א טפילה וטייבע בכיפה, פארוואס זאל מען נישט זיין חייב? מ'דארף טראכטן פארוואס. יא? פארוואס קען נישט זיין? ער האלט א רענצל אויף זיין קאפ. ער טראגט א טיש.

**Speaker 1:** ניין, ער טוט עס אן, נישט ער האלט אויף זיין קאפ. לאמיר זיין קלאר. ער טוט נישט אן א כיפה, א מצנפת. ער טוט יא, ער לייגט זיך אריין אין א באקס, ער שטעקט זיך אריין אין א באקס. יא, דאס איז די טייטש. אויב ס'איז א תיבה נישט עפעס וואס קען ווערן א טלית... לא, לא, לא. אויב מ'רעדט פון ער האלט א תיבה אויף זיין קאפ, הייבט זיך נישט אן די שאלה פון דעם וואס ער איז זיך נישט מתעטף. אבער ער איז זיך מתעטף

אין א תיבה. די דאגה פון דעם טוט מען נישט. אבער ס'איז עפעס וואס מ'איז פטור. דו קענסט דאך זאגן אז מ'איז פטור. איך ווייס נישט.

לאמיר קוקן, אויב לאמיר פאלגן זאגן, האבן זיי נישט גע'פסק'נט ווי מיר. ניין. א תיבה אדער א כיפה איז נישט עפעס וואס מ'קען זיך ארומהילן דערמיט. די דאגה איז, צו ס'איז צוגעדרייט אויף די קאפ, די רוב הראש, די רוב הגוף. דאס מאכט עס נישט. סאו דאס הייסט געהעריג געטראגן.

**Speaker 2:** ניין, דאס איז נישט געהעריג געטראגן. אקעי, ס'איז נישט דרך מלבוש, ס'איז נישט דרך משא, אקעי? ס'איז נישט עפעס כדרך המוציאין. מ'דארף וויסן א שינוי, ס'קען זיין איינע פון די זאכן, אבער מ'דארף וויסן דעם מלבוש. ער טוט עס אן, אבער נישט גענוג. ווייטער, ער טוט עס אן, און נאר ווען ער טוט אן א טלית האב איך נישט געהערט קיינמאל. מ'קען נישט אנטון א טלית ווי א באקס קען מען אנטון. דו ווייסט נישט? דו ווייסט יא, דו ווילסט ליבערשט נישט צו וויסן זיך אפצופרעגן?

**Speaker 1:** ניין, אונז קענען מיר סתם דא לערנען די גמרא. איינער האט שוין עפעס געזאגט, אבער איך זע נישט אז זיין א כיפה קען בכלל זיין די גדר פון מלבוש. איך האב שוין געהערט, אבער די מציאות איז אז א מענטש שטייט און האלט אויף זיין קאפ.

**Speaker 2:** ניין, ער טוט עס אן. איך האב מיינע קינדער געזען זיך אנטון באקסעס, אקעי? איך האב געזען ווי זיי טוען זיך אן באקסעס, זיי טוען עס אן. ס'איז דאך א דזשאוק, ס'איז א וועג פון טראגן. ס'איז א דרך מלבוש.

איינער זאגט, לכאורה די ענטפער איז די ווארט "דרך המוציאין". וואס הייסט דרך המוציאין, אדער וואס הייסט דרך יציאה? ס'איז נישט דרך יציאה, אבער ס'הייסט נישט אנגעטון. דאס וואס דו שטייסט, ווען דו טוסט נישט אן הייבט זיך נישט אן די שאלה. דו טוסט עס אן. לאמיר גיין ווייטער. יא.

**הלכה י"ח – זוגין, חותם של עבד, המתעטף בטליתו**

**Speaker 1:** י"ח. יא. "יוצאין בזיג והארוגים בבגדים". פמונים, אזוויי דער מעיל פון דער כהן גדול האט געהאט אונטן גלעקלעך.

**חותם של עבד – טיט vs. מתכת**

**רמב"ם: ויוצא העבד בחותם של טיט שעל צוארו. אבל לא בחותם של מתכת, שמא יפול ויביאנו.**

"ויוצא העבד בחותם של טיט שעל צוארו". אן עבד פלעגט האבן א סימן אז ער איז אן עבד, א חותם של טיט. "אבל לא בחותם של מתכת". א חותם של טיט מעג ער, ווייל מ'רעדט דא אן עבד האט א דין אזוויוי אן אישה, וואס מ'וויל נישט אז ער זאל טראגן. איז א חותם של מתכת, "שמא יפול ויוינו". א חותם של טיט, זעט אויס ס'פאלט נישט אראפ, אדער אויב ס'פאלט אראפ איז עס נישט ווערד. א חותם של מתכת, ס'האט צניעות ווערד, אדער ס'האט צניעות ווייל ס'פאלט אפ נישט. איי, ער זאגט אז א חותם של טיט, אויב גייט עס אראפפאלן גייט עס זיך צוברעכן, גייט ער אינווייניג, דארף ער מאכן א נייע חותם. דאס איז שוין מרדכי'ס, ס'איז adorable, אבער ס'צוברעכט זיך נישט, ער קען עס אויפהייבן און טראגן.

**המתעטף בטליתו ומקפלה – לקבץ כנפיו vs. מנהג המקום**

**רמב"ם: המתעטף בטליתו ומקפלה ומקיימה בידו או על כתפו – אם נתכוון לקבץ כנפיו כדי שלא יקרעו או כדי שלא יתלכלכו, אסור. ואם כיבסו לשנותו בהם כמנהג אנשי המקומות, מותר.**

המתעטף בטליתו ומקפלה ומקיימה בידו או על כתפו, ער האט זיך מתעטף געווען מיט זיין טלית, אבער אנשטאט לאזן עס הענגען, נעמט ער זיך ארום דערמיט, ער רולט עס אזוי ווי אויף און ער לייגט עס צוזאם און ער האלט עס אויף זיין האנט אדער אויף זיין כתפו. אם נתכוון לקבץ כנפיו, אויב איז זיין כוונה נאר צוזאמצונעמען די עקן כדי שלא יקרעו או כדי שלא יתלכלכו, אדער ווי מיט א טלית אויך, ער וויל נישט אז די ציצית זאלן הענגען אויף די האנט, קעפלט מען עס ארויף, ס'זאל נישט ווערן שמוציג, דעמאלטס איז אסור. אה, ווייל ס'איז נישט דרך מלבוש אדער וואס? ער שלעפט א טלית אויף זיין פלייצעס, אדער א חלק פון א מלבוש? ואם כיבסו לשנותו בהם, כמנהג אנשי המקומות, אויב איז דא א סדר אז מען טוט אזוי, איז מותר.

סאו ס'ווענדט זיך, אויב דער מנהג איז צו גיין אזוי מיט א טלית, דעמאלטס מעג מען, ווייל ס'איז אזוי שיין כלי. דו האסט א מלבוש און ס'קומט צו גיין געפאלדעט, ס'איז נישט געמאכט צו גיין די גאנצע... ס'איז אסור, פטור אבל אסור. דאס איז די חילוק צווישן... איך זאג, אבער די ערשטע איז, ס'זעט נישט אויס אז ס'איז אזוי שטארק ווי א מלבוש, ס'איז א מלבוש, אבער ס'איז נישט... דאס איז די האלב וועגס, די מיטל קעיס וואס מ'רעדט די גאנצע פרק, for whatever reason איז עס אסור.

**הלכה י"ט – טלית מקופלת vs. סודר שעל כתפו**

**רמב"ם: היוצא בטלית מקופלת ומונחת על כתפו – חייב. אבל היוצא בסודר שעל כתפו, אף על פי שאין נימא קשורה לו באצבעו – מותר.**

אקעי, ווייטער. היוצא בטלית מקופלת ומונחת על כתפו, חייב. איינער האלט זיין טלית אויף די פלייצעס, אינגאנצן, נישט... און ס'ליגט אויף אים, ער איז בכלל נישט אנגעטון דערמיט, איז דאס אויף וועג פון טראגן, חייב.

**סודר שעל כתפו – נימא קשורה באצבעו**

אבל היוצא בסידור שעל כתפו, אף על פי שאין נימא קשורה לו באצבעו, מותר, ער איז געגאנגען מיט א נימא, א סידור, אנטשולדיג, אדער א טיכל, א שאל שעל כתפו, אף על פי שאין נימא קשורה לו באצבעו. ס'זעט אויס אז געווענליך די שאל, ווען מ'וויל עס גיין, בינדט מען צו א שטריק צו, מ'האלט עס אויף די האלדז אדער וואס? אויף די האנט, באצבעו. דאס איז א זאך וואס מענטשן פלעגן אמאל טון כדי עס זאל נישט פארלוירן ווערן זיין שיין. אפילו ווען ס'איז לויז מעג מען יא גיין ווען ס'איז לויז. פארוואס? אפשר איז עס א ביליגע זאך און ער האט נישט מורא אז ער גייט... דאס איז די נסיעה. דאס איז א זאך וואס גייט אזוי אזוי. דרך הסודר איז אז מען לייגט עס אזוי. אפילו בשאינו מהודק שפיר, ער זאגט, אפילו ווען ס'איז נישט מהודק שפיר, אפילו ווען ס'איז נישט, ער האט נישט מורא אז ס'גייט אראפפאלן, ער גייט עס אויפהייבן. ס'פאלט נישט אראפ. דאס איז די וועג וויאזוי ס'גייט, אז ער זעט דאס, ער האט נישט מורא אויף דעם. אקעי.

**סודר שאינו חופה ראשו ורובו**

**רמב"ם: וכל סודר שאין חופה ראשו ורובו אסור לצאת בו.**

אבער קוק, דאס איז א געוויסע סדר וויאזוי מען גייט. וכל סודר שאין חופה ראשו ורובו אסור לצאת בו. א סודר וואס נעמט אים נישט ארום ראשו ורובו, ס'איז נישט קיין טלית, אסור לצאת בו. וואס הייסט?

**Speaker 2:** זייער גוט. סא דאס וואס מיר האבן יעצט גערעדט, רעדט מען פון אזא גרויסע... א סודר מיינט דאך א שמאטע, רייט? א גרויסע שמאטע וואס הייסט א מלבוש. טאקע אפילו ס'איז נישט קיין געהעריגע מלבוש, אבער ס'איז נישט צוגעבינדן צו זיין פינגער, צו וואטעווער עצות ס'וואלט געווען. אבער טאמער ס'איז צו קליין, ס'דעקט אים נישט צו ראשו ורובו, טאר מען נישט גיין דערמיט, ווייל דעמאלטס גייט עס יא אראפפאלן, אדער ס'איז נישט קיין מלבוש. ס'איז נישט די סדר, דאס איז נישט די וועג וויאזוי מען גייט, פשוט צו זאגן.

**סודר צר – קושר שני ראשיו כמו אבנט**

**רמב"ם: ואם הוסיף עליו סחניס... צר שאינו רחב, קושר שני ראשיו למטה מכתפיו, ונמצאת כמו אבנט, ומותר לצאת בה.**

ואם הוסיף עליו סחניס, אויב ער האט צוגעלייגט סחניס, אויב ס'איז א סארט מלבוש, ענליך צו א סודר, איז דא עפעס וואס מען נוצט ווי א האנטוך, אדער ווי מען נוצט עפעס וואס מען נוצט מער אויף. צר שאינו רחב, קושר שני ראשיו למטה מכתפיו, ונמצאת כמו אבנט, ומותר לצאת בה. סא דא געבט ער דיר עפעס אן עצה, עפעס א געוויסע סארט האנטוך וואס מענטשן פירן זיך ארומצוטראגן. אבער מ'קען עס נישט האלטן אין די הענט אדער סתם לייגן אן דעם וואס ס'זאל זיין חופה ראשו ורובו, קען מען מאכן אזוי ווי אונטער א גארטל, ס'זאל צאמבינדן למטה מכתפיו, און אויב ס'איז ווי א גארטל מעג

מען יא ארויסגיין דערמיט. סא די מענטשן וואס וועלן שלעפן די... דער רושב ורבו איז ווען ס'איז נישט א גארטל. א גארטל הייסט א מלבוש פאר זיך, ווייל ס'איז א גארטל. אדער מ'נעמט די סידור און מ'בינדט עס עפעס צו אביסל, כדי ס'זאל הייסן כלי א גארטל.

כמו, יא, ס'איז נישט ממש אן אבנט, רייט? ס'איז כמו. למשל מענטשן וואס זיי גייען מיט א... וואס הייסט א שאל? דאס איז נישט קיין שאל, רייט?

**טלית מיט ציצית — דין שאל, סודר, און נוי הבגד**

**שאל, סודר, און סבניא — הגדרות**

## Speaker 1:

א שאל איז א דריטע סארט זאך. סתם מ'גייט א שאל וואס גייט אויף די האלדז, ס'גייט נישט ערגעץ נישט. ס'איז נישט קיין סודר. מ'מוז זאגן אפשר א נייע סארט זאך. פארשטייסטו?

רייט, א שאל איז שוין אפשר א פראבלעם, ווייל ס'איז טאקע א מלבוש. א סודר, דו זעסט אז מ'נוצט עס פאר פראקטישקייט. ס'איז אזא טאשנטיכל, מ'נוצט עס אפציווישן. א סודר איז א האנטוך, א שמאטע.

א נארמאלע סודר איז חופף ראשו ורובו, נישט קיין האנטוך. ניין, א סודר טייטשט... א סודר איז נישט קיין מלבוש, רייט? א סודר איז א האנטוך, א שמאטע, אזא זאך. אבער אויב קען מען זיך גוט ארומהילן דערמיט... ס'איז א ריזיגע סודר? אז מ'גייט מיט אזא ריזיגן טאשנטיכל וואס איז חופף ראשו ורובו? מאכט נישט קיין סענס. א האנטוך, מ'גייט מיט א האנטוך?

נאכאמאל, א סודר איז נישט קיין האנטוך. די נעקסטע זאך איז א האנטוך, די סכניס איז א האנטוך. עפעס בין איך מיסינג אינפארמעישאן. איך בין נאט שור. וואס איז די ענין? וואס איז די חילוק צווישן סבנא און סודר?

איך בין זיכער אז א שאל קען מען ארויסגיין, ס'דארף נישט זיין חופף ראשו ורובו. פארוואס זאל עס... ס'איז א מלבוש. ס'איז נישטא קיין דין ווי גרויס א מלבוש דארף זיין. די חילוק איז ווייל ס'איז נישט קיין געהעריגע מלבוש, ס'איז נישט געווען דער מנהג. עפעס אזוי, די סארט זאכן. אזוי מוז מען זאגן.

די טאשנטיכל האט מען דאך טאקע געטון דעמאלטס אזוי. יא, אז די אידן פלעגן גיין א טאשטיכל, און שבת האט מען עס ארומגעוויקלט ארום די האלדז. מען האט גענוצט די היתר, נישט ראשו ורובו, אבער...

רייט, ס'איז פרעג איך דיר, איך האב געטראכט וועגן דעם, אז א מענטש ווען ער גייט מיט א האנטוך אין מקוה, ער לייגט עס אזוי ווי א שאל, יא? רייט. זעט אויס אז דעמאלטס מעג מען, ווייל דעמאלטס איז עס א שאל. אבער די טלית רעדט נישט פון דעם, אזוי מוז מען פארענטפערן. יא.

**הלכה כ: טלית מיט לאנגע חוטין — בטלים לגבי הטלית**

## Speaker 1:

אקעי, ווייטער. **"מותר להתעטף בטלית שיש בשפתם מלל"**, וואס האט ביי די ענד רצועות, **"אף על פי שהן חוטין ארוכין"**, אפילו ס'הענגט דאך אראפ פון אים לאנגע רצועות, **"הרי הן אינם נוי לטלית"**, ס'איז נישט קיין נוי, ס'הענגט דאך אראפ פון דעם, מ'האט נישט אראפגעשניטן די ענד פון די פעדים, ס'שלעפט נאך זייער גרויס.

וואלסט געטראכט אז ס'איז אזוי ווי דו טראגסט ארויס א באנטש סחורה וואס איז נישט קיין בגד. אבער ס'איז נישט אזוי, **"הרי הן בטלים לגבי הטלית"**, ס'איז בטל, אפילו ס'איז נישט לנוי, אפילו ס'איז... איינער מאכט דאך אליין בין נוי ובין לא נוי, ס'איז א ארט ווי ס'הענגט זיך נאך. אויב וואלט ער מכוון געווען א גזל, וואלט נישט געהייסן אז ער... רייט, אזוי ווי ער זאגט דאך.

**טלית מיט ציצית שאינה כהלכתה — חייב**

## Speaker 1:

**"וכן היוצא בטלית שאין בה ציצית כהלכתה"**, א טלית וואס האט נישט קיין ציצית אזויווי די הלכה, איז חייב. דאס הייסט, ס'האט ציצית, אבער די ציצית איז עפעס נישט גוט געמאכט, אדער וואס? אדער ער האט נישט געענדיגט די מלאכה, ס'איז נישט געמאכט לשמה, ס'איז נישט געבענדלט, יא, וואטעווער.

**"מפני שעושה מהן חותם חשיבי ממילא"**, די חותם איז נישט סטאנדארד, יא, ער קערט נישט, יא, ס'איז די עק פון זיין מלבוש. ס'איז נישט די עק פון זיין מלבוש, ס'איז דאך ציצית. **"ודעתן עליהן עד שישלימו חסרונן להיותן ציצית"**, די זאך איז שוין ציצית, ס'איז דאך גוט, ס'איז א חלק פון די בגד.

דאס איז דאך אבער נישט א חלק פון די בגד, ווייל ס'איז ציצית. ס'איז נישט ציצית, ס'באלאנגט נישט דארט, ס'איז נישט לנוי. אבער ער טראכט יא דערפון אז ער דארף עס פיקסן, און אין די מינוט ליגט עס דארטן ווי עפעס וואס ליגט אפ, שלעפט ער זיך ארום מיט עפעס וואס איז נישט קיין מלבוש שטריק.

דא זעסטו זייער קלאר, אבער די חייב ממש איז אינטערעסאנט. אבער ער זאגט, איך האב פארשטאנען, דא זעסטו דאך זיכער נישט דרך המציאן.

**דיסקוסיע: דרך המציאין אדער דעתו עליהם?**

## Speaker 1:

איך וועל טרייען צו זאגן אז דא פסק'נט ער יא פון דרך המציאין, ס'איז די דרך וויאזוי מ'טראגט די זאכן. ס'איז די דרך וויאזוי מ'טראגט סחורה, דאס הייסט, נישט סחורה, די זאך טראגט מען אזוי, ס'האט ציצית, אבער ער האט נאך נישט געענדיגט די ציצית, ער האט נישט געפארטיגט די ציצית.

וואס איך האב געזאגט פריער, אז זאכן וואס זענען צוגעבונדן איז נישט קיין היתר בכלל. דער היתר איז נאר ווען ס'ווערט ממילא א חלק פון א בגד. ווייל די זאך איז זיכער צוגעבונדן, דו קענסט עס נישט אפשניידן אינמיטן שבת, נאך אלץ איז חייב.

פארשטייסט וואס איך זאג? דער היתר איז נאר ווען זיי האבן גערעדט פריער ביי א תכשיט, אז דו בינדסט עפעס צו צו דיין בגד, דאס איז נישט מתיר. ס'העלפט אפשר פאר די שאלה פון יפול אדער יבוא להוציא, פאר דעם העלפט צוצימענטן, אז ס'איז שוין א בגד איז נישטא די חששות פון די רבנים. אבער א זאך וואס איז נישט קיין בגד, דו קענסט עס צובונדן פון היינט ביז מארגן, דו מעגסט עס נישט טראגן שבת. אזוי קומט מיר אויס. יא.

## Speaker 2:

אבער א טלית, יא, לאמיר אויספירן.

**כשרה ציצית — נוי הבגד ותכשיטו**

## Speaker 1:

אבער טליתות האבן ציציות כהלכתא. א טלית האט יא געהעריגע ציצית. **מותר לצאת בה בין ביום בין בלילה**, אפילו בלילה וואס ס'איז נישטא קיין חיוב צו גיין ציצית. **הלא אין הציצית אלא גמר מלאכה**, א ציצית איז נישט קיין מלאכה, **אלא ראוי לנוי הבגד ותכשיטו, כמו האמרא.** אזויווי א בגד האט אן אמרא, איך מיין ס'איז די קאלער אדער די קאפס, אזויווי א שיינע בגד קומט מיט אזא שטיקל, אזוי איז דאך די זעלבע זאך. ווען ס'איז כשרה ציצית, דאס איז וויאזוי א בגד קומט, ווייל די הלכה זאגט אז אזוי דארף קומען א בגד. יא.

**מצות עשה שאין בה כרת אינה דוחה שבת**

## Speaker 1:

**ואילו היו חוטי הציצית יוצאים כהלכתם מעשה, היית חייב לצאת בהם אפילו ביום השבת?** דו קענסט נישט זאגן אז די הסבר איז ווייל ס'איז דא א מצוה פון ציצית, ממילא וועגן דעם מעג מען עס גיין שבת. ווייל דאס איז דאך זיכער אז מצות ציצית איז נישט גענוג צו דוחה זיין שבת. די סיבה איז עפעס אן אנדערע זאך. די סיבה איז ווייל ס'איז נישט קיין משא, נאר ס'איז מנוי הבגד.

זאגט ער, **ואילו היו חוטי הציצית יוצאים כהלכתם מעשה, היית חייב לצאת בהם אפילו ביום השבת, שאין מצות עשה שאין בה כרת דוחה**

**שבת**. א מצות עשה שיש בה כרת קען מען דוחה זיין, אבער מצות עשה שאין בה כרת קען מען נישט דוחה זיין שבת. ס'הייסט, א מצות עשה דוחה לא תעשה, אבער ס'איז נישט קיין דוחה לא תעשה שיש בו כרת, וואס איז שבת.

#### דיסקוסיע: די מצוה דיסיידט צו ס'איז נוי הבגד

### Speaker 1:

ס'איז זייער אן אינטערעסאנטע ווערטער, ס'איז א שטיקל שווערינקייט, ווייל דער רמב"ם זאגט נישט די מצוה איז עס מתיר, ווייל א מצוה טאר מען נישט טון, א חילול שבת טו מען נישט. סאו וואס איז די מתיר? ווייל ס'איז נוי הבגד.

אבער אומגעקערט, די מצוה דיסייד צו ס'איז נוי הבגד, ווייל אויב ס'איז פונקט פסול, פרעגסטו דעם רב, וואס איז פסול? מעג איך עס נישט גיין שבת, ווייל ס'איז פסול. איינער וועט זאגן, דאס איז א נארמאלע זאך אז א בגד זאל האבן ביי די ענד... די פרינדזשעס מעג מען האבן, יא, די פרינדזשעס פון די טלית. נוי הבגד. נוי הבגד. סאו ציצית וועון ס'איז כהלכתן איז אויך נוי הבגד. אבער וועון...

די חילוק איז די ווארט איז "דעתו עליהם עד שישלים חסרונם". סאו דו קענסט פרעגן אזא שאלה: וואס טוט זיך אז דא איז דא א איד וואס איז נישט קיין ערליכער איד, און ס'גייט אים נישט אן אז זיין ציצית איז פסול. ער ווייל אז ס'זאל אויסזען ווי ס'איז דא ציצית, ער שעמט זיך צו גיין אין א בגד אן ציצית. אים זעט עס אויס גוט, ס'זעט אים אויס גוט און ס'איז פיין. ס'קען זיין אז ביי אים איז נוי הבגד, ס'איז דאך אזא שייגעץ.

אבער אלס דין שבת, ביי אים איז עס... ווייל ער וויל אז ס'זאל זיין אז ס'זאל אויסקוקן ווי ציצית. די רמב"ם רעדט דאך פון א איד וואס גייט עס פיקסן. ער לייגט צו די ווארט, "דעתו עליהם עד שישלים חסרונם". ער דעתו עליהם עד שישלים חסרונם מאכט עס אז ס'איז נישט בטל. ער לייגט דארט אן ציצית, ער דארף נאך פיקסן. די דעתו עליהם מאכט אז ס'איז נישט בטל.

ווייל געדענקסט, סתם א שטריק איז בטל, ווייל איך קער נישט דערפון. דו קערסט יא, ווייל דו גייסט עס פיקסן, דו גייסט עס משלים זיין. סאו אויב ס'איז דא איינער וואס גייט עס נישט פיקסן, איז וועגן דעם איז עס אן איסור, ווייל ס'איז בטל פון די בגד.

### Speaker 2:

איך בין נישט מסכים מיט אים. ס'וועט בטל זיין.

### Speaker 1:

ס'איז נישט בטל. ס'איז דאך טאקע בטל, ס'איז נישט קיין שטריק. אזוי ווי די מהר"ם. איך בין מסכים אפילו מער פון אים. אפילו ער וואלט יא אראפגעשניטן וועון ס'העגגט א פאדעם. אבער ער וויל אז ס'זאל אויסקוקן ווי ער האט ציצית. ער גייט עס נישט פיקסן. ער טוט נישט גיין אזוי, ער איז עובר מיט די ציצית.

אבער מיט דין שבת, איז ביי אים דאס נוי הבגד, ווייל ער קען נישט ארויסגיין מיט א ציצית וואס האט נישט קיין ציצית ביי די זייט. ער קערט נישט פאר כשרות מצות ציצית. ער ווייסט נישט. ער איז אן עם הארץ. אן עם הארץ וואס ווייסט נישט אז וועון ציצית איז פסול דארף מען עס פיקסן, יא. אן עם הארץ ווייסט נישט די הלכה, ער האט נישט קיין דעת. אן עם הארץ וואס גייט אין שול שבת. ער ווייסט נישט אז די ציצית איז פסול. ער באדערט אים נישט קיין סאך, ווייל ס'איז א שיינע בגד, ס'קומט מיט ציצית. ס'איז דאך יעדע איד גייט, די בגד איז א ציצית. און דאס טוט ער, דאס איז די וועג ווי אזוי א בגד קומט גיין אזוי.

ווייל דא איז דאך נישט די מאכט אז דו ווייסט נישט. אז דו האסט א טעות, קען זיין דו ביסט א שוגג, ווייל דו ווייסט נישט. איך האב נישט קיין טענות אויף דיר. ניין, איך לייג אבער אויף דיר וועסטו דארפן לייגן א תשלומין חסרונו.

### Speaker 2:

איך פארשטיי וואס דו זאגסט, ממילא ווערט עס נישט בטל, אבער ס'איז א גוטע פשט.

### Speaker 1:

אבער מ'קען עס לערנען אויך אנדערש. מ'קען עס לערנען אז איך לערן אז דאס מאכט עס אויך פאר א משא.

### Speaker 2:

ניין, ס'איז זיכער א... ס'איז א משא. וואס הייסט משא? ס'איז עפעס ווערט. די שאלה איז פארוואס זאגסטו אז ס'איז נישט קיין דרך הוצאה? פארוואס הייסט עס נישט דרך הוצאה? פארוואס? פאר די זאך? ווייל אזוי גייט עס.

### Speaker 1:

די שאלה איז נאר אויב ס'איז בטל פאר די בגד, איז דאס דרך לבוש, וואס דאס איז מותר. אבער אויב ס'איז נישט בטל פאר די בגד, ווייל דו דארפסט עס יא האבן פאר מארגן עקסטער פון די בגד, כולי, ווייל דו גייסט דאך מאכן פון די ציצית אויף דעם בגד, וואלט איך געהאלטן אז ס'איז עקסטער.

ס'איז אביסל אן אידעלע הלכה דאס. אידל מיין איך, די חילוק איז זייער נישט גראב. מ'דארף זיין א גרויסער למדן צו פארשטיין דאס. הערסטו אפ ארויף?

#### נפקא מינות — פרוי מיט טלית, ספק ציצית, גוי

### Speaker 1:

מ'קען טרעפן פון דעם פארשידענע חידושי תורות, ווייל ס'קומט אויס אז א פרוי טאר נישט גיין מיט א טלית שבת למשל, ווייל זי איז נישט מחויב בציצית. ס'וועגדט זיך וויאזוי מ'לערנט, פארשטייסט? אדער ער ברענגט דאך נאך, אויב ס'איז נאר א ספק ציצית, איז דאס א פראבלעם. ס'איז זייער פאני הלכות וואס קומען ארויס פון דעם.

אויב מ'זאגט אז ציצית איז יא עפעס א נארמאלע זאך, אזוי ווי דו ווילסט מיר זאגן, דעמאלטס קען נישט זיין די אלע הלכות, פארשטייסטו וואס איך זאג?

אדער למשל, מענטשן זאגן אז א גוי, יא, קענסט די תורה פון די פרי חדש זרחם, וועון א גוי טוט דיר שיטן שבת. סא, וואס טוט א גוי וואס ער וויל זיך מגייר זיין, און מ'זאגט אים ער זאל נישט היטן שבת? סא, דו וועסט זאגן אז אויב ער גייט ציצית, איז ער ממילא נפשך כלי. ווייל אויף די צד ער איז א גוי, איז דאס א משא. רייט. אויב איז ער א חכם, יא.

#### ראיה פון היינטיגע צייטן — ציצית אלס מלבוש

### Speaker 1:

איך וויל דיר ברענגען א ראיה אז היינטיגע צייטן, מענטשן, א ציצית איז א בגד ווי דער חסיד'ישער יונגערמאן גייט אנגעטון. ווייל ער גייט דאך די זעלבע מיט ציצית בייטאג ווי ביינאכט. דו וועסט נישט זען קיין איין מאל א יונגערמאן אויף'ן פליגער, אן ציצית, אפילו ס'איז אים שווער צו גיין מיט ציצית. ביינאכט איז פונקט ווי בייטאג, ער גייט מיט די גרויסע וואלענע ציצית.

די פשט איז אז דאס איז א מלבוש, ער גייט נישט קיין מצוה בכלל. ביינאכט איז נישט קיין מצוה. ער גייט זיך מסתמא עביזשן וואקן אין די גרעסטע היצן ביינאכט מיט א וואלענע ציצית. פארוואס? ווייל דאס איז א מלבוש. סא, מבחינת מלבוש איז נישט קיין חילוק צו די ציצית איז כשר צו נישט. מבחינת מצוה, יא. מבחינת מלבוש, ער גייט זיך שעמען צו גיין אן א ציצית. און אויב גייט ער זיין צעריסן גייט ער זיך ווייטער נישט שעמען, ווייל א יונגערמאן קומט מיט א ציצית אויף זיך.

### Speaker 2:

איך הער אז ס'איז סובדזשעקטיוו, איך הער וואס דו זאגסט.

### Speaker 1:

ניין, דאס איז ווייל ער איז אן עם הארץ. דו רעדסט פון אן עם הארץ. דער וואס גייט למשל ביינאכט ציצית, אפילו וועון ס'איז הייס און סתם רעדט אויף זיך, איז ער אן עם הארץ, ווייל ער מיינט...

**הלכות שבת: דיני הוצאה בבגדים ותכשיטים — חלק י**

**הלכה כא: בעלי אומנות שאין יוצאין בכלי אומנותם**

**לא יצא החייט במחט התחובה לו בבגדו, ולא נגר בקיסם שבאזנו, ולא גרדי באירא שבאזנו, ולא סורק במשיחה שבצוארו, ולא שולחני בדינר שבאזנו, ולא צבע בדוגמא שבאזנו.**

דאס הייסט, דער רמב"ם ברענגט דא א גאנצע רשימה פון בעלי אומנות וואס טארן נישט ארויסגיין שבת מיט זייערע ארבעטס-כלים אויף זייער געוואנטליכע פלאץ.

**Speaker 1:** א חייט — דאס איז א שניידער — במחט התחובה לו בבגדו, מיט א נאדל וואס איז אריינגעשטעקט אין זיין בגד. א נגר — דאס איז איינער וואס ארבעט מיט האלץ — בקיסם שבאזנו, מיט א שטיקל האלץ וואס ער לייגט אויף די אויער. פארוואס? צו מעסטן אדער וואס?

ולא גרדי — א גרדי איז א שניידער — באירא שבאזנו. וואס איז אירא? א שערל?

**Speaker 2:** אירא זאגט ער איז א שטיקל וואטע, א שטיקל סחורה.

**Speaker 1:** ולא סורק — נישט איינער וואס מעסט אפ זאכן, יא? — במשיחה שבצוארו, מיט א בענדל וואס ער האט אויף זיין האלז. א קמר, וואס איז דאס? אקעי.

ולא שולחני — נישט קיין איינער וואס טוישט געלט — בדינר שבאזנו, מיט געלט וואס הענגט אויף זיין אויער.

ולא צבע — נישט א פעינטער — בדוגמא שבאזנו, מיט די פעינט וואס ער האט אין זיין אויער.

ס'איז אן עקזעמפל פון וואס מענטשן פלעגן האלטן זאכן אין די אויערן. קענסטו מיר זאגן? היינט אויך, מען גייט מיט... ס'איז דא זאכן אין די אויערן, יא. פלאמבערס האבן א פלאנדזשער קומט ארויס פון זייער אויער.

**דין: פטור מדאורייתא, אבער אסור מדרבנן**

**ואם יצא — פטור, אף על פי שיצא דרך אומנותו, מפני שלא הוציא כדרך המוציאין.**

**Speaker 1:** במה יוצא? פטור. פטור. אפשר יוצא דרך אומנתו? ער האט זיך ארויסגעטראגן עפעס וואס ער דארף האבן פאר זיין דזשאב. פארוואס איז ער אבער פטור? שלא הוציא כדרך המוציאין.

סאו א נארמאלע מענטש איז אפילו מדרבנן עיקר, נאר דער מענטש... טארן טאר ער זיכער נישט, ווייל די אלע זאכן זענען משא ומתן בשבת, און ס'איז מוקצה.

ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם זאגט נישט, ווייל אין די משנה, איך געדענק, שטייט אז אפילו ערב שבת טאר מען דאס נישט. סמוך לצאת השבת. דער רמב"ם געדענק איך, שבת אליין טאר מען דאך נישט, ווייל ס'איז א מחט, ס'איז מוקצה. די אלע זאכן זענען... איך געדענק אז דער רמב"ם זאגט עס נישט.

אה, נאכאמאל, שפעטער גייט זיין ווייל מ'רעדט וועגן ערב שבת. אקעי, סאו ביז דערווייל רעדט ער פון אין שבת.

**דיון: פארוואס איז ער פטור אויב ס'איז דאך זיין דרך?**

**Speaker 2:** דאס הייסט, לכאורה, מצד אחד איז דאס יא די דרך, ווייל ער איז דאך א חייט, ער גייט מיט דעם. מצד שני, אבער ס'איז נישט כדרך המוציאין.

**Speaker 1:** סאו, דרך המוציאין העלפט נישט אז ער פירט זיך יא אזוי, אזוי זעט אויס. מ'זאגט די דרך פאר יעדן.

**Speaker 2:** דארט מדרבנן.

**Speaker 1:** ניין, ער זאגט אפילו אז א אומן גייט נישט געוועגליך אזוי, נאר איך ווייס וועגן ער האט נישט קיין אנדערע ברירה אדער וואס.

**Speaker 2:** ווייל דו זאגסט דאך אז מ'קוקט דאך יא אויף די פאך, יא? דו זאגסט אז מדאורייתא איז ער פטור. דו מיינסט צו זאגן מדאורייתא איז ער פטור ווייל ס'איז נישט די דרך המוציאין. וואס טוט זיך ווען ס'איז נישט א חייט? וואלט געווען הארבער אדער גרינגער?

**Speaker 1:** נישט קלאר. ער ברענגט אז ר' יוסף טענה'ט אז ענין כלים קיינער טאר נישט, נאר דער בר קורא איז אן עובדא. מ'קען הערן אז ס'זאל זיין הארבער, ווייל... דער רמב"ם זאגט אז ס'איז הארבער, ווייל פאר די חייט איז דאס ביי זיין דרך.

אה, אפשר יוצא דרך אומנותו. אבער מצד שני, אפילו ער איז פטור, דאס איז די חידוש וואס דו ווילסט זאגן, אז אפילו ער איז אויך פטור ווייל ס'איז נישט די דרך, אפילו באמת איז נישט ממש די דרך.

**הלכה כב: הזב שיצא בכיס שלו — מלאכה שאינה צריכה לגופה**

**הזב שיצא בכיס שלו — חייב, מפני שאין דרך כיס זה להוציאו אלא כדרך הזאת.**

**Speaker 1:** אזוי אויך, אם יצא בקישורי, אזוי האבן מיר פריער געהאט, יוצאים פון נדרים. אן ענליכע זאך. אבער ער זאגט אז א קיס איז עפעס מער ווי א שטיקל וואטע. "אין דרך כיס זה להוציאו אלא כדרך הזאת", דאס איז די וועג וויאזוי מ'טראגט די קיס. סאו א גאמס איז נישט קיין נארמאלע דרך, אן אנדערע זאך טראגט מען נישט אזוי, אבער א קיס טראגט מען אזוי.

**ואף על פי שאינו צריך לגוף ההוצאה, אלא כדי שלא יתלכלכו בגדיו, שהמלאכה שאינה צריכה לגופה חייב עליה.**

אלזא, "מלאכה שאינה צריכה לגופה הוצאה אלא כדי שלא יתלכלכו בגדיו", ער ווייל דאך נישט ארויסטראגן די קיס, ס'איז נאר עפעס וואס ער טוט ארום, נעסעסערי, כדי שלא יתלכלכו בגדיו. אבער ער זאגט, די רמב"ם, נו וואס טוסטו אויף מיט דעם? העכסטנס איז עס מלאכה שאינה צריכה לגופה, אבער ער טראגט דאך דאך האלב, איז עס מלאכה שאינה צריכה לגופה חייב עליו.

**קשיא: פארוואס ברענגט דער רמב"ם דאס דווקא דא?**

**Speaker 2:** איך וואלט געקענט זאגן די זעלבע זאך אויף פריער ביי אנדערע ענליכע זאכן, פארוואס ברענגט ער עס דא? וועגן מלאכה שאינה צריכה לגופה? ס'איז שוין געווען אפאר מאל, למשל די מוח שעל גבי נדה, אדער אויף די רעגן, וואטעווער דארט אין די...

**Speaker 1:** אה, דארט אין די משנה פטור. אקעי, ועל כורחי, איך ווייס נישט. אקעי. מ'דארף טראכטן, ס'איז ווייטער דא אביסל איידעלע חלקים וואס מ'קען טראכטן אין די משנה פטור.

**Speaker 2:** יא, וואס גייט ארויס מיט א טלית וואס הענגט פון די בעק שטריק נאר מעלל, איז אויך דאך א מלאכה שאינה צריכה לגופה, ניין? ער גייט אנגעטון מיט א געהעריגע דאס, ער וויל יעצט ארויסטראגן האלב פון די טלית.

**דיון: מלאכה שאינה צריכה לגופה vs. דבר שאינו מתכוון**

**Speaker 1:** די גאנצע הלכות שבת איז די יסוד פון די הלכה, וואס לפי דעתי שטייט נישט, אז א מענטש טוט א זאך און ער כאפט נישט וואס ער טוט, איז ער פטור. ער טראגט די טלית, און די טלית קומט מיט דעם. מ'דארף וויסן, ס'איז מותר דאס, אבער איך ווייס נישט, ס'איז נישט אינו צריך לגופו הוצאה.

איינער וואס איז צריך לגופו הוצאה, ער זאל זיך פיקן די מעלל וואס הענגט אים דארטן פון די בעג? אוודאי, ער טראגט, ער שלעפט עס, און ס'קומט מיט זיין בעג. ווייל ס'איז בטל, טאקע וועגן דעם איז נישט נוגע, בטל פאר די בעג, אבער אוודאי.

די פשט פון מלאכה שאינה צריכה לגופה איז, איך קער נישט וועגן דעם. קערן איז נישט די הגדרה פון הלכות שבת. איך האב נישט געטראפן קיין איין קעיס.

**Speaker 2:** דו האלטסט מיר אין איין פרעגן אזעלכע קשיות, יעדע איינס פון זיי איז א רייע קשיא.

**Speaker 1:** ניין, דבר שאינו מתכוין איז אז מ'טוט אן אנדערע זאך. נישט דו טוסט דאס, און דו זאגסט איך מיין נישט דאס צו טון. ס'איז נישטא קיין איינע וויאזוי א דבר שאינו מתכוין.

און דער דבר שאינו מתכוון איז אזוי ווי די מעשה פון דער וואס שלעפט א באנק, וואס ער שלעפט א באנק, און אפשר דורך א גב וועט אביסל געאקערט ווערן. אבער ס'איז נישט באמת, ער איז נישט מתכוון צו אקערן. דאס איז אפשר, ווייל ס'איז אן אנדערע זאך, ס'איז אן ענין פון פסיק רישא.

אבער ווען דער דבר שאינו מתכוון איז ווייל ער טוט עפעס אנדערש, נישט אז איינער חושב קוק וואס איך טו, איך טראג אן א מעיל. אבער ער זינגט ווען ער וואקט. דאס איז נישט קיין דבר שאינו מתכוון, ווייל ער מיינט צו טראגן און ער מיינט צו זינגען.

**Speaker 2:** וואט? פרעג אים, א מענטש גייט ארויס און פון אונטן הענגט זיך א קליינע שטריקעלע. דאס הייסט ער איז מתכוון ווי ווען ער שלעפט די באנק?

**Speaker 1:** דבר שאינו מתכוון, יא, ווייל דאס וואס ער טוט, אבער ער וואקט מיט א טלית, ער וואקט מיט א מעיל.

אקעי. א גאנצע צייט זאגסטו דאס, ס'איז ממש נישט נוגע אין קיין איין הלכה נישט. דבר שאינו מתכוון איז ווען דו טוסט אן אנדערע זאך, דו מיינסט עפעס צו טון, דו טוסט אן אנדערע זאך. נישט אז דו ביסט חושש זיך צו טועה זיין. ס'איז נישט דא אזא זאך דבר שאינו מתכוון. מיר האבן נאך נישט געלערנט קיין איין אזא הלכה.

זיי געזונט, ס'איז לאו דווקא, לך בכחך זה והושעת את ישראל. לך בכחך זה, אפילו פאר א דבר שאינו מתכוון. ווען דו טוסט עפעס אנדערש, אבער דו טוסט נישט עפעס אנדערש. ס'איז נישט דא אזא זאך דבר שאינו מתכוון אויף דעם וועג. דאס איז נישט דער טייטש. אקעי.

#### הלכה כג: המוצא תפילין בשבת ברשות הרבים

**המוצא תפילין בשבת ברשות הרבים כיצד הוא עושה? לובשן כדרכן, מניח של ראש בראשו ושל יד בידו, ונכנס וחולצן בבית, וחוזר ויוצא ולובש זוג שני וחולצו, עד שיכניס את כולן.**

**Speaker 1:** וואס טוט זיך אז א יוד המוצא תפילין בשבת ברשות הרבים? מיר האבן פריער געלערנט אז שבת טאר מען נישט גיין מיט תפילין, ס'איז פטור. סאו וואס טוט זיך אז א יוד טרעפט תפילין בשבת ברשות הרבים, און ס'איז דאך דא א מצוה, מ'טאר נישט לאזן תפילין ברשות הרבים, אפילו א מאקעל פון א ספר דארף מען מציע זיין, דארף מען קער נעמען פון די תפילין.

כיצד יעשה? מיר האבן געלערנט אז מ'קען נישט טראגן אלע תפילין אין די הענט, דאס איז זיכער אן איסור. איז וואס טוט מען? לובשן כדרכו, מניח של ראש בראשו ושל יד בידו. ער טוט אן די תפילין, ער טוט אן תפילין של ראש אויפ'ן קאפ און של יד אויפ'ן יד, ונכנס, און ער גייט אריין, און נאכדעם טוט ער עס אויס אינדערהיים, און נאכדעם טוט ער עס נאכאמאל. חוזר ויוצא ולובשן וחוזר ויוצא עד שמכניסן כולן, ביז ער טראגט אריין אלע.

דאס הייסט, ער קען נישט אנטון מער ווי איין פאר אויף אמאל.

##### דיון: פארוואס נאר איין פאר אויף אמאל?

**Speaker 2:** גוטע שאלה. יא. די מחלוקת איז טאקע אין די משנה. ס'איז דא... רבן גמליאל זאגט מען קען טראגן צוויי זוגות טראגן אויף אמאל.

סאו ס'איז דא היינט אסאך צדיקים און רבי'ס וואס פירן זיך צו גיין מער ווי איין רעטרוואל אויף אמאל, זיי האבן זיכער מעגן. לענין שבת איז אפשר אנדערש, איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** ער האט א קדימה אין משאוי, אדער דרך לבושה.

**Speaker 2:** יא. ביי זיי איז בכלל נישט קיין דרך לבושה, און נארמאלע מענטשן איז גארנישט קיין דרך ביי זיי.

**Speaker 1:** אה, יעצט טראגסטו איר.

---

**[דיגרעסיע: ציצית ביינאכט – פארוואס חסידישע אידן גייען מיט ציצית ביינאכט]**

**Speaker 1:** דאס איז די יוניפארם אין די שטאט. דו זאלסט אויך נישט זיין אזוי סובדזשעקטיוו. אין די שטאט גייען אלע מענטשן אזוי אנגעטון, און ס'איז בושה, ס'איז זייער פאני צו גיין אן א וואלענע טלית קטן, אפילו אינמיטן די נאכט, אפילו ביי א חתונה ווען מ'טאנצט אריין אין די נאכט און ס'איז זייער הייס, וועט קיינעם נישט איינפאלן אראפצולייגן זיין וואלענע ציצית.

אה, אלע זענען עמי ארצות. אלע זענען עמי ארצות, ווייל אוודאי איז דא אן ענין.

##### דער אמת'ער טעם: א סגולה פאר שלאפן, נישט א חיוב

דרך אגב, איך וויל דיר זאגן פארוואס, אויב מ'רעדט שוין. ס'איז נישטא קיין שום ענין צו גיין ציצית ביי די חתונה ביינאכט ווען מ'טאנצט. ס'איז דא אן ענין צו גיין ציצית א טאג דארף מען גיין ציצית.

קודם כל, ס'איז יא דא, קען זיין אן ענין אזא. "כסות יום" – הער אויס, מ'קוקט יא, אונז זענען אידן. איך וויל דיר זאגן עפעס, איך וויל דיר זאגן אז מ'איז אין א רעאליטעט.

ניין, איך בין נישט מסכים. וואס רעאליטעט? זאל די עולם זיין עמי ארצות. אבער אונז זענען נישט מענטשן וואס טוען די סטייל פון וויליאמסבורג. אונז זענען וויליאמסבורגער אידן. באפרעג זיי, זאגן זיי חס ושלום נישט.

הער אויס, איך בין נישט מסביר זיך יעצט. פון וויליאמסבורג, און בארא פארק, און מאנסי, און מאנטרעאל, און בני ברק, און ירושלים, און לאנדאן, און אנטווערפן. הער אויס, איך בין נישט מסביר זיך. אונז זענען מענטשן וואס טוען די תורה.

יעצט, א חסידישער איד גייט ציצית ביינאכט, ס'קען זיין צווי ריזענס. די אמת'ע ריזען איז נישט די ערשטע ריזען. מ'קען זאגן אז ס'איז דא פוסקים וואס זאגן אז אה... מיין אזוי להלכה, נישט זיכער אז ס'איז להלכה, אבער ס'איז דא א מחלוקת צו "כסות יום" גייט מען ביינאכט. אבער לכל הפחות איז נישטא קיין חיוב צו גיין ציצית ביינאכט.

די ריזען פארוואס מ'גייט ציצית ביינאכט איז ווייל ס'שטייט א סגולה אז ביינאכט ווען מ'שלאפט, ביי די קדושת יו"ט שטייט אז ווען מ'שלאפט זאל מען גיין ציצית. ביינאכט ווען מ'שלאפט נישט איז נישטא קיין שום ענין צו גיין ציצית, ס'איז סתם א ברכה לבטלה.

וועגן דעם, דער וואס גייט ציצית און ער מוטשעט זיך סתם, גייט ער, לכל הפחות איז ער אנגעטון. אבער ס'איז נישטא קיין שום ענין, יא מ'דארף נישט גיין ציצית ביינאכט. דאס איז קודם כל. דאס איז וואס מענטשן ווייסן נישט.

פרעג רוב מענטשן פארוואס זיי גייען ציצית, ער ווייסט אליין נישט, ער ווייסט נישט אז ס'איז א מצוה, ער ווייסט גארנישט. ער איז בכלל נישט יוצא די מצוה, ס'איז גארנישט.

##### אפווייזן די "יוניפארם" טענה

יא, אבער לאמיר זאגן ער איז נישט יוצא די מצוה, אבער ס'איז באמת א מלבוש, ווייל דאס איז די יוניפארם וואס מ'גייט אין דער שטאט, טשארן, מ'גייט מיט דעם, דעטס איט.

אבער לאמיר זאגן אז ער וואלט געטשענדזשט, לאמיר זאגן פארוואס? ווייל דער זעלבער מענטש, לאמיר זאגן, ס'איז נישט אמת אז ער גייט ווייל ס'איז א יוניפארם. דאס איז נאר אויב ס'איז א זייער גראבער עם הארץ, ער ווייסט נאך פרטים, ער ווייסט נאך אנדערע זאכן, ער זאגט "איך קעיר נישט אז ס'איז א פסול, איך גיי מיט דעם".

אבער א נארמאלער מענטש זאגט אים, "אה, ס'איז א פסול, גיי איך עס נישט אן", יא?

אז דו גייסט צו דעם עם הארץ, זייער גוט, ווייל ער איז נישט קיין יוניפארם מענטש, ער איז א איד. פרעגסט אים, זאגסט אים, "קום הער, די ציצית איז צעריסן, ס'איז א פסול, דו טארסט נישט גיין מיט דעם בגד ווייל ס'האט נישט קיין פסול ציצית". ער טוט עס גלייך אויס, אפילו אז ער שעמט זיך, איך ווייס וואס, די אלע שאלות פון כבוד הבריות, ער שעמט זיך אפילו נישט, ווייל ער וועט פרעגן, "פארוואס טו איך עס אויס?" ווייל ס'איז דא א מצוה עס אויסצוטון, ווייל ס'איז א פסול ציצית.

זייער גוט. אויב ער וואלט נישט געהאט קיין מצוה עס אויסצוטון, וואלט ער עס נישט אויסגעטון, ווייל פון יעצט איז עס נישט כשר. מ'רעדט דאך פון דעם. דאס גייט עס.

דאס זעלבע זאך שבת, אויב דו זאגסט אים, "א פסול ציצית, ס'איז פסול, מ'טאר נישט גיין מיט דעם, ס'איז א מצוה הוצאה", ער טוט עס גלייך אויס. דאס איז די פראבלעם.

אקעי, זייער גוט. שוין, געגוג גערעדט.

---

**[חזרה צו הלכה כג: המוצא תפילין – המשך]**

**Speaker 1:** יעצט קען מען לערנען א זאך, מ'טאר נישט גיין ווייטער וועגן די גזירה שמא יוציא, רייט?

**לא יצא החייט, נעקסטע הלכה. לא יצא החייט במחט התחובה לו בבגדו.**

א שניידער גייט מיט א נאדל וואס ליגט אין זיין בגד, טאר ער נישט ארויסגיין, ווייל ס'איז נישט בטל צו די בגד.

"לא יצא" מיינט לכאורה אז מדאורייתא איז עס יא בטל, ווייל ס'איז נישט קיין דרך. אבער לכתחילה מדרבנן טאר מען נישט ארויסגיין במחט התחובה בבגדו, מיט א נאדל וואס איז אריינגעשטעקט אין די בגד.

און נישט א נגר, א נגר איז איינער וואס ארבעט מיט האלץ, בקיסם שבאזנו, מיט א שטיקל האלץ וואס ער לייגט אויף די אויער, פארוואס? צו מעסטן אדער וואס?

ווייטער, ולא גרדי, א שניידער, בצירוא שבאזנו. וואס איז אירוא? א שערל? אירוא זאגט ער איז א שטיקל וואטע, א שטיקל סחורה.

ולא סורק, נישט איינער וואס מעסט אפ זאכן, יא? במשיחה שבצווארו, מיט א בענדל וואס ער האט אויף זיין האלז. א קמר, וואס איז דאס? אקעי.

ולא שולחני, נישט קיין איינער וואס טוישט געלט, בדינר שבאזנו, מיט געלט וואס הענגט אויף זיין אויער.

ולא צבע, נישט א פעינטער, בדוגמא שבאזנו, מיט די פעינט וואס ער האט אין זיין אויער.

ס'איז אן עקזעמפל פון וואס מענטשן פלעגן האלטן זאכן אין די אויערן. קענסטו מיר זאגן? היינט אויך, מען גייט מיט... ס'איז דא זאכן אין די אויערן, יא. פלאמבערס האבן א פלאנדזשער קומט ארויס פון זייער אויער.

**הלכות שבת פרק יט: המוצא תפילין בשבת (המשך) — ואם היו הרבה**

**הלכה: ואם היו הרבה תפילין**

## Speaker 1:

דאס הייסט אז ער קען נישט אנטון מער ווי איין פאר אויפאמאל. זיי האבן שוין זיכער געמעגט. לענין שבת אפשר איז שוין אנדערש. ביי זיי איז בכלל נישט קיין דרך לבישה, און די חומרות פון די מענטשן איז גארנישט קיין דרך ביי זיי.

## Speaker 2:

אה, יעצט רוקסטו די מקטרג. אקעי, יעצט דארף איך זיך נעמען מסביר זיין. אקעי, לאמיר גיין ווייטער.

## Speaker 1:

**ואם היו הרבה**, אויב ס'איז אסאך פארן תפילין, **ולא יוכל להכניסן דרך מלבוש**, ער גייט נישט קענען אלע אריינטראגן דעם וועג, ס'וועט א��ם נעמען פארעווער, **הרי זה מחשיך עליהם**, ער טאר נישט אוועקווארפן, ווייל ס'איז מחשיך עליהם, ס'איז א שטיקל חיוב אויף אים. ס'איז נישט גרינג, אבער... יא, ער שטייט דארט ערב שבת ביינאכט, ווען ער מכניסן מוצאי שבת. דאס הייסט, ער טאר נישט אוועקווארפן, אבער ער טאר אויך נישט עס טראגן.

**שאלה: ווי ווייט גייט דער חיוב פון מחשיך עליהם?**

## Speaker 1:

מ'דארף טראכטן, למשל, אויב ער טרעפט יעצט שבת צופרי אויפ'ן וועג צו שול, זאגט מען אז ער טאר נישט גיין אין בית המדרש. אבער ס'איז דא א מיליאן דארט, א ריזיגע פייל תפילין. גייט ער דארט מבטל זיין נישט קענען עסן א סעודה, ער גייט נישט קענען האבן עונג שבת, אז מ'פאנישט אים ווייל ער האט די ערשטע אריינגעווארפן? ניין, איך דארף פארשטיין צו ס'איז א חיוב. ווי ווייט גייט דער חיוב אז א מענטש דארף אפהיטן יענעמ'ס תפילין? ס'איז נישט זיין אחריות.

## Speaker 2:

ניין, ווייל איך וויל וויסן די הרי זה מחשיך עליהם. מ'מיינט צו זאגן אז דאס איז די איינציגסטע זאך וואס דו קענסט טון, און ס'איז א חיוב אז דו זאלסט עס טון. נישט נוגע אויב דו ווילסט עס טון. ס'איז זיכער אז דו זאלסט עס טון. איך וויל וויסן ווי שטארק איז דער חיוב. איז עס ממש א ברעמעדיגער חיוב? איך וויל וויסן, איך האב דאך נישט א חיוב אויף אלע שמות פון די וועלט. איך האב א חיוב אויף מיינע פאר זאכן. מוצא תפילין, אזוי ווייט יחשיך עליהם, אזא גרויסע עבודה? אקעי.

## Speaker 1:

ס'איז מער א שאלה אין ווי שטארק א מענטש דארף זיך אנשטרענגען פאר א מצוה, אפילו לשמועני אדער... אקעי, ס'איז אן אנדערע שאלה.

**הלכה: ואם היו מועט — מורא פון גוים**

## Speaker 1:

**ואם היו מועט**, אין צייטן ווען מ'האט מורא פון גוים, וואס ער קען נישט שטיין לעבן די תפילין, אויב ס'איז אנגעקומען דארטן א גוי זאגט ער, **והוא מתירא להניחם שמא יגנבום הגוים**, דעמאלטס איז דא א היתר **מכסן במקומן**, ער זאל טון די בעסטע וואס ער קען, ער זאל עס צודעקן אז ס'זאל נישט זיין בגלוי, ס'זאל נישט זיין... ניין, ס'זאל זיין דרך כבוד, **ומניחן והולך לו**. ער גייט.

**הלכה: ואם הוא מתירא מפני הלסטים**

## Speaker 1:

**ואם הוא מתירא להניחן שם מפני הלסטים**, ער האט מורא צו בלייבן דארטן נישט וועגן גוים גייען אים... שטייט נישט די רעגירונג אדער איך ווייס וואס, די שונאי ישראל, נאר סתם ליסטים, **ומוציא את כליו כאחד**, ער נעמט די אלע תפילין, **ומוליכן פחות פחות מארבע אמות**. ער טראגט זיי פחות פחות מארבע אמות. און פחות פחות מארבע אמות איז דאך נישט... לויט'ן רמב"ם, אדער **לפחות משעור זה** איז מותר, אדער **נותן לחבירו בתוך ארבע אמות וחבירו לחבירו**, אזוווי מיר האבן פריער געלערנט אז ס'איז דא א וועג, אויב יעדער איינער גייט ווייניגער ווי די ד' אמות מעג מען, אזוי קומט מען אן לחצר החיצונה.

**שאלה אויפ'ן רמב"ם: פארוואס נישט לכתחילה פחות פחות מד' אמות?**

## Speaker 1:

מהאי דבורים, איך טראכט אז ס'איז דא א שאלה אויפ'ן מחשיך עליהם. איך קען אויך נישט זיין אז די אשמד קען דאס נישט טון, ווייל לכאורה דאס אליינס, ער מאכט גארנישט מיט די תפילין, ער דארף עס באהאלטן, ער דארף עס טון. סאו מ'דארף פארשטיין לויט'ן רמב"ם, הרי זה מחשיך עליהם, פארוואס לאזט מען אים נישט טראגן מיט די הענט? נאכאמאל, ווייל ער טוט

עס נאר במורא. אויב פחות פחות מד' אמות מעג מען לויט'ן רמב"ם, פארוואס זאל מען אים פאנישן אז ער דארף בלייבן דארטן?

## Speaker 2:

איך ווייס נישט פארוואס דו מאכסט אז ס'איז א פאנישמענט. פארוואס געבט מען אים נישט די היתר? ער וויל דאס טון, ער וויל בלייבן. פארוואס ער קען נישט דעמאלטס מאכן ד' אמות? דאס איז א גוטע שאלה. פארוואס איז נאר "הוא מתירא להניחן שם מפני הלסטים"? כלל לכתחילה דארף זיין מחשיך. מען געבט נישט גלייך לכתחילה דעם פחות פחות? מ'דארף פארשטיין. לויט דעם קריג איך אויפ'ן רמב"ם, פארשטיי איך, אבער לויט'ן רמב"ם דארף מען פארשטיין. דא זעט מען אז נישט, אז פחות פחות דארף נישט קיין היתר, דארף מען קלאר ווי נאר מ'דארף פארשטיין.

**הלכה: רצועות קשורות כתפילין**

## Speaker 1:

יא, ווען קען מען ברענגען די תפילין מיט דעם היתר? **כשהיו בהן רצועות קשורות כתפילין**, ווען מ'האט געזען אז ס'איז צוגעבינדן אזוי ווי א תפילין, **שבודאי תפילין הן, אבל אם לא היו רצועות קשורות כתפילין** איינער איז געקומען צו אים, פארוואס?

**דער רמב"ם'ס סברא און דער ראב"ד'ס קשיא**

## Speaker 1:

ער טענה'ט, דער רמב"ם... דער ראב"ד זאגט אז דער רמב"ם מאכט נישט קיין סענס, אבער טענה'ט דער רמב"ם, אפשר מאכט זיך אז א מענטש מאכט א קמיע, נישט קיין תפילין. סתם א קמיע. ער האט געוואלט זיך ארומגיין מיט תפילין, איז ער געגאנגען מאכן א קמיע. ער האט געוואלט אז עס זאל אויסזען ווי תפילין, איז ער געגאנגען מאכן א קמיע. ער האט געוואלט אז עס זאל האבן רצועות, ווייסטו, נאר רצועות מאכט מען תפילין, נאר תפילין מאכט מען רצועות מיט א קשר פון א שי"ן, מיט א דל"ת, וואטעווער מען מאכט. אבער סתם זאכן וואס זעען אויס ווי תפילין, אפשר איז עס נישט תפילין, און ממילא דארפסטו נישט זיין אזוי ווארימ, איינער איז געקומען און לאזט עס דארט.

דער ראב"ד פארשטייט נישט. ער זאגט, א מענטש איז נישט טרוד צו מאכן א קמיע כעין תפילין. ממילא, איז דא אפשר אן אנדערע ריזען.

**תירוץ: דער רמב"ם רעדט פון די גמרא'ס תפילין**

## Speaker 1:

דער ראב"ד האט געקוקט שוין אן אונזערע מסודר'דיגע שיינע באקס'דיגע תפילין מיט א שי"ן. דער רמב"ם רעדט מער פון די גמרא תפילין, ווייסטו, איינער האט גענומען אן עור, ער האט פרובירט צו מאכן עפעס די בעסטע וואס ער קען.

עניוועיס, ממילא טענה'ט דער ראב"ד אז מען דארף יא טון, מצילן טון וואס מען דארף טון, ווייל עס איז נישטא אזא חשש אז אפשר איז עס נישט קיין תפילין. וואס טוט מען? די ריאליטי איז ער גערעכט, אבער דער רמב"ם האט פארשטאנען פון די גמרא אז עס איז געווען אמאל אזא זאך, א מציאות.

**הלכה: המוצא ספר תורה**

## Speaker 1:

שוין. **המוצא ספר תורה**. איינער טרעפט א ספר תורה. דאס איז געווען תפילין, וואס איז ביי א ספר תורה? **יושב ומשמרו ומחשיך עליו**. א ספר תורה קען מען נישט אנטון אויף זיך. איז **יושב ומשמרו ומחשיך עליו.**

**חילוק: "יושב" — א שטערקערע חיוב**

## Speaker 1:

**אם בא סכנה** — דאס איז אן אנדערע לשון ווי "מחשיך עליו". ס'איז "יושב", ס'איז א חילוק, דו דארפסט זיך אראפזעצן און האלטן די ספר תורה און נישט אמאל לאזן אויפן פלאר, מה שאין כן די תפילין מעג מען לאזן ליגן אויפן פלאר. ניין, ער מאכט עס מער שטערקער, ווייל ער האט נישט די עצה פון עס אנטון. ער זאגט גלייך, **אם בא סכנה, מניחו והולך לו**. ס'שטייט נישט אז ער דארף עס צודעקן. פארוואס שטייט נישט דא "מחשיך עליו"? ס'שטייט נישט צוגעדעקט? אדער ער קען נישט? איך ווייס נישט.

**הלכה: אם היו גשמים יורדים**

## Speaker 1:

אקעי. **אם היו גשמים יורדים** — אויב ס'רעגנט און די אותיות וועלן ווערן אפגעווישט, דעמאלט איז דא א וועג וויאזוי עס צו טון, ווייל דעמאלט איז דא א וועג וויאזוי עס צו טון, ווייל דעמאלט קען מען נישט ווארטן ביז נאכט, ווייל די ספר תורה וועט ווערן רואינד פון די רעגן. איז דארף ער טון אזוי, **מתכסה בעור**. ניין, די עור פון די ספר תורה. אה, מיט די עור פון... זייער גוט.

**דיסקוסיע: איז דאס דער זעלבער היתר ווי פריער?**

## Speaker 2:

קען מען טראכטן, אפשר דאס, ווייל דא האט ער א תירוץ פארוואס ער מעג זיך ארומוויקלען מיט די ספר תורה און אוועקרייזן, וויקלען זיך ארום די ספר תורה. מאכט עס נישט דרך מלבוש?

## Speaker 1:

ניין, ניין, ניין, ניין. אבער ווען ס'איז רעגן האבן מיר זיך פריער געלערנט אז ווען עפעס רעגנט, דעמאלטס איז דא א וועג פון זיך מכסה זיין מיט עניטינג, ס'איז דא אן היתר אפילו א כיס.

## Speaker 2:

איך בין נישט מסכים. ס'איז פשוט, ווייל דאס איז א היתר, א היתר דחוי. קען באמת טומאה רצוצה, ס'איז נישט קיין אמיתי'ג דרך מלבוש, ס'איז א חצי דרך מלבוש. ס'איז אפילו פריער, ס'איז דאך געווען אסור, אפילו פטור אבל אסור. זייער גוט. ממילא, אויב לכתחילה, זיץ און ווארט ביז מוצאי שבת און וועסט עס נעמען. אבער אויב דאס ווארטן ביז מוצאי שבת וועט מאבד זיין די ספר תורה, דעמאלטס איז די מלחמה געמאכט געווארן צו טון די עצה פון עס אנטון. פארשטייסט?

## Speaker 1:

בסדר גמור. **וחוזר ומכסהו**. ס'איז... קענסט זאגר פארקערט, מ'קען זאגן אז דעמאלטס האט ער א וועג וויאזוי צו טראגן אן דעם וואס ס'זאל זיין א טראגן מדאורייתא, ווייל די אנדערע וועג טראגט ער עס... ס'איז נישטא אזא זאך וואס נאר אין די רעגן טאר מען טראגן. ס'איז נישטא אזא זאך. נארמאלע מענטשן טוען נישט אן אזעלכע טומאה רצוצה. ס'איז נישט אז די רעגן איז מתיר. ס'שטייט נישט אזוי. ס'שטייט נישט אז אויב ס'רעגנט טאר מען נישט. נארמאלע מענטשן טוען נישט אן אזעלכע טומאה רצוצה. איך בין נישט מסכים.

**וחוזר ומכסהו**, ער טוט עס אן צוצודעקן, פארוואס? סתם כבוד, סתם זאל זיין צוגעדעקט די תורה, נישט זי זאל זיך שווערן, עטליכע ווערן נאס. **ונכנס בה**, און ער גייט אריין מיט דעם אופן צו די שטאט און ער ברענגט עס אהיים.

**הלכה: לא יצא חייט במחטו ערב שבת**

## Speaker 1:

אקעי, יעצט קען מען לערנען די הלכה פון ערב שבת, א נייע הלכה. דאס הייסט, ביז יעצט האבן מיר געלערנט וואס מ'מעג ארויסגיין שבת, יעצט קען מען לערנען אז ס'איז דא אפילו גזירה פון די חכמים ערב שבת. דאס איז די צייט וואס מ'האט געדארפט פארלאנגען אין די... דארט האבן מיר געזאגט אז די מלאכות טאר מען נישט אנהייבן ערב שבת. און די משנה שטייט עס טאקע דארט, די רמב"ם האט עס דא אריינגעלייגט.

איז אזוי, **לא יצא חייט במחטו**, אפילו אין בידו, דאס הייסט, אה, דוקא בידו, ווייל מ'האט געזאגט. **ולא הלבלר בקולמוסו**, דער שרייבער מיט זיין פעדער, **ערב שבת סמוך לחשכה**, טארן זיי זיך נישט דרייען מיט זייערע

כלים. פארוואס? **שמא ישכח ויצא בהם בשבת**, ער וועט פארגעסן און ארויסגיין מיט דעם שבת.

**שאלה: ווען הייבט זיך אן "סמוך לחשכה"?**

## Speaker 1:

**סמוך לחשכה** טייטש פון... ווען הייבט זיך אן "סמוך"? ווייס איך נישט. אפשר איז דאס וואס אונז רופן תוספת שבת? און די פופצן מינוט, אדער די האלבע שעה, ווען שטייט ער זאל משמש זיין? ער האט אים דאס געזאגט? איך ווייס נישט.

**הלכה: וחייב אדם למשמש בבגדיו**

## Speaker 1:

בקיצור, אין א צייט וואס ער טראכט, ווען איז די שיעור שמא ישכח? **וחייב אדם למשמש בבגדיו ערב שבת עם חשיכה.** חייב, ס'איז א שטארקע לשון, א מצוה, אזא חיוב. **שמא יש שם דבר שכוח, ויצא בו בשבת.** אפשר האט ער עפעס אין זיין טאש פארגעסן, און ער וועט ארויסגיין בשבת. און דעמאלטס וועט ער עובר זיין הוצאה בשוגג. אקעי, לויט דיין טענה הייסט עס ממש הוצאה.

**דיסקוסיע: איז דאס ממש הוצאה?**

## Speaker 2:

**ומתעלה עליו בתפילין ערב שבת עם חשיכה.** יא, אונז האבן גערעדט וועגן דעם, צו ווען איינער האט עפעס בטעות איבערגעלאזט אין טאש, דאס הייסט א הוצאה. ס'קען זיין כלאחר יד אין א געוויסע פאל, ווען ס'איז וויאזוי ס'ליגט אין זיין טאש, איך ווייס נישט פונקט וויאזוי, אבער נישט מסתבר כלאחר יד. ס'ווענדט זיך אויב ס'איז דרך הוצאה ארויסצונעמען זאכן, וואלט ער נישט, וועט ער עובר זיין.

**הלכה: ומתעלה עליו בתפילין ערב שבת עם חשיכה**

## Speaker 1:

**ומתעלה עליו בתפילין**, תפילין מעג מען יא גיין ערב שבת עם חשיכה, מעג מען גיין ביז שבת. **הואיל וחייב אדם למשמש בתפילין בכל עת.** אויף תפילין איז דא א מצוה אז מ'דארף א גאנצע צייט ממשמש זיין מיט תפילין, אויך מ'זאל נישט מסיח דעת זיין פון די תפילין. ממילא, **אינו שוכחן**, ער וועט עס נישט פארגעסן און ארויסגיין דערמיט.

**דיסקוסיע: דער היתר פון מתעסק**

## Speaker 2:

אז תוספות זאגט אז דארט האט ער אינגאנצן פארגעסן אז די חפץ איז דארט, וועט עס יא זיין א היתר פון מתעסק. סאו, איז לפי שיטתך, דיין היתר הייסט מתעסק, נישט דבר שאינו מתכוון, נאר מתעסק. מ'דארף וויסן די היתר פון מתעסק, מ'דארף נישט שטארבן מיט די היתר.

## Speaker 1:

לייגט עס אסאך צו פיל דיפערענץ. איך וויל דיך נישט צו מאכן העפי מיט דיינע פריינט.

**הלכה: שוכח ויוצא בתפילין — מכסה את ראשו**

## Speaker 1:

**שוכח ויוצא ואינו זוכרן.** אקעי, עניוועיס, אה, ער האט יא פארגעסן. ער האט געהאט תפילין און ער האט פארגעסן. ער איז נישט געווען אזוי ווארעם, ער האט נישט ממשמש געווען מיט די תפילין בכל שעה. **ואינו קושרן, תפילין בראשו, מכסה את ראשו**, ער דארף אבער צודעקן זיין קאפ, **עד שמגיע לביתו**, אז ער זאל נישט וואקן מיט די אפענע תפילין, אז ס'זאל נישט זיין קיין כבוד, שבת איז אן אות, מ'זאל נישט חושד זיין אז ער איז איינער פון די... אבער דאס איז די זעלבע היתר פון פריער, אפילו ער טרעפט תפילין שבת, ווען ער טרעפט תפילין דארף ער עס נישט צודעקן, ווייל ס'איז נישט דא אן ערוה, ס'איז נישט קיין ערוה וואס ער דארף עס צודעקן. אבער ער זאל עס אריינגעמען.

**צוויי טעמים פאר'ן צודעקן**

## Speaker 1:

סאו ס'קען זיין צוויי זאכן: אדער צודעקן אז מענטשן זאלן נישט זען אז איינער וואקט שבת מיט תפילין, סאו ס'איז א שטיקל חילול השבת, אז זלזולא דשבתא אזא, כאילו ער גלייבט נישט אז שבת איז געגוג אן אות. אבער ער זאגט, כדי ער זאל עס אויסטון גלייך ווען ער קומט אן אינדערהיים. מ'גייט נישט מאכן ער זאל עס אויסטון אין די גאס, אבער אינדערהיים זאל ער עס זיכער אויסטון וואס איז שבת.

**סיום פרק י"ט: תפילין בשבת — צודעקן, מכסה, און מנהגים**

**המשך הדיון: תפילין שנמצאו בשבת**

## Speaker 1:

אבער דאס איז די זעלבע הערה פון פריער, אפילו מ'טרעפט תפילין שבת, ווען מ'טרעפט תפילין דארף מען עס נישט צודעקן, ווייל ס'איז נישט דא אן ענפאל, ס'איז נישט קיין ענין אז מ'דארף עס צודעקן. אבער אז ער האט זיך דערמאנט...

סאו ס'קען זיין צוויי זאכן:

- אדער צודעקן אז מענטשן זאלן נישט זען אז דא איינער וואקט שבת מיט תפילין, סאו ס'איז א שטיקל חילול השבת, אז זלזול איז דא אין שבת אזא — גלייבט נישט אז שבת איז געגוג א אות.

- אבער ער זאגט, די פשט איז אז ער זאל עס אויסטון גלייך ווען ער קומט אן אין דערהיים. מ'גייט נישט מאכן ער זאל עס אויסטון אין די גאס, אבער אין דערהיים זאלסטו עס זיכער אויסטון ווייל ס'איז שבת.

## Speaker 2:

סאו וואס קומט אריין די מכסה?

## Speaker 1:

ער זאל א גאנצע צייט האלטן די הענט דערויף פון ווען ער דערמאנט זיך.

## Speaker 2:

ער האלט עס מיט זיין האנט?

## Speaker 1:

יא, מ'רעדט דאך פון א טראבל מעיקער, ווייל ער האט דאך נישט ממש... ער האט דאך נאכאמאל פארגעסן. סאו איך, פון ווען ער דערמאנט זיך, נעם נישט אראפ די האנט פון די תפילין. אזוי לערנט עס אט ליעסט די רשב"א דארט.

**מנהגים ערב שבת: טשעקן טאשן און תפילין**

## Speaker 1:

ס'איז דא א גרויסע מצוה ערב שבת צו טשעקן אין די טאשן. אויב מ'גייט א שבת'דיגע העמד איז אפילו נאך בעסער אפשר.

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

אבער דאס איז טאקע די טעם צו די מנהג אויסצורופן אין די שולן שבת וואס איז א טאג נאך יום טוב, גייט מען זיך שניידן די נעגל. און אויכעט אויב גייט מען פרייטאג נאכמיטאג מיט תפילין, זאל מען נישט פארגעסן אז מ'איז נאך מיט תפילין.

מ'מעג גיין מיט תפילין, אבער מ'זאל נישט פארגעסן עס אויסצוטון פאר שבת.

שוין, עד כאן פרק י"ט האבן מיר געלערנט.

**דיון: ביז ווען זאל מען גיין מיט תפילין ערב שבת?**

## Speaker 2:

איך מיין אז מ'זאל גיין מיט תפילין ביז די זמן, ווייל דעמאלטס ווייזט מען אז שבת איז א אות. אויב מ'איז געגאנגען פאר פופצן מינוט צופרי מיט תפילין, איז נישט קלאר, ס'זעט נישט קיין ניכר אז שבת איז א אות.

## :Speaker 1

ס'איז דא צדיקים און מענטשן וואס פלעגן לייגן תפילין ביי מנחה, ערב שבת ביי מנחה. לאמיר זאגן אז דאן מנחה איז בין השמשות נאך די שקיעה, ווערט א פראבלעם, ווייל דו פירסט זיך שוין שבת. איך ווייס נישט וויאזוי די מנהג איז.

**סיום פרק י"ט ומעבר לפרק כ'**

## :Speaker 1

אקעי, עד כאן פרק י"ט. און בעיסיקלי דאס איז די ענד פון הוצאה, רייט? און די נעקסטע פרק גייט זיין... שבועות בעה"ב. ס'איז א קורצע פרק, נישט אזוי קורץ, אבער ס'איז קורץ.

Generated by Shiur Upload Automation